NAJER FOLKSBLAT
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

פרייז 15 גראָשען

10 זייטען

נייער פאָלקסבלאַט

№ 145 | Łódź, Środa, 24 czerwca 1936 | אדרעס: לאָדז, פּעטריקאָווער 21 טעל. 224-71 Adres: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 1.06 | לאָדז, מיטוואָך פּ' חקת ד' תמוז תרצ"ו | 14-טער יאהרגאַנג

אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק

דאַרפען זיצען די אנפיהרער און נישט די אָרימע מענשען

גלענצענדע רעדעס פון די אדוואָקאַטען שומאַנסקי, עטינגער און מאַרגאָליס

פאַרטזעצונג פון אדוו. שומאַנסקי׳ם רעדע

אין אָנהויב פון די געריכטס-פערהאַנדלונגען האָט דער ערשטער גענומען אַ וואָרט אַדוו. שומאַנסקי, פאָרטצוזעצען זיין רעדע, וועלכע ער האָט נעכטען איבערגעריסען.

אין אָנהויב פון זיין רעדע האָט אַדוו. שומאַנסקי זיך פערנומען נאָר מיט דער פאַר־געוואָרפענער שולד פון זיין קליענט לעסקאָ.

— זאָלען מיר אָננעהמען — האָט אַדוו. שומאַנסקי געזאָגט — דעם ערגסטען פאַל, לויט דער טעזע פון פּראָקוראָר, אַז לעסקאָ האָט געשאָסען און דערהרגעט. ס׳איז נישטא פערהאַן קיין שום ספק, אַז דער שאָס איז געגעבען געוואָרען אין ספּעציעלע בעדינגונגען באַכ׳ן אנהויב פון די אונרוהען.

דער פסיכישער צושטאַנד פון דעם שיסענדען

איז נישט געווען קיין צושטאַנד פון אַ מענש, וועלכער טראַכט נאָרמאַל. דאָס איז געווען אַנ׳אַפעקט פון אַ סובּיעקטיווען געפיהל פון פערזענליכער גע־פאַהר. מיר האָבען דערויף די ערקלעהרונגען פון דריי פּאָליציאַנטען, אַז אין מאָמענט, ווען ס׳איז געפאַלען דער שאָס פון לעסקאָ׳ס הויז, האָבען די פויערים געהאַקט שויבען און איינער פון די דאָזיגע עדות, דער פּאָליציאַנט באָרעק האָט ערקלעהרט אַז ער האָט צוערשט געזעהען, ווי מ׳האָט אויס־געהאַקט אַ שויב אין לעסקאָ׳ס הויז און באַלד דערויף זענען געקומען די שאָסען. דאָס בעווייזט, אַז די שאָסען זענען געקומען דירעקט נאָכ׳ן וואַרפען שטיינער אין לעסקאָ׳ס הויז.

דאָ, זאָגט אַדוו. שומאַנסקי, האָב איך גע־וואָלט ציטירען אַ געוויסע

ערקלערונג פון לעסקאָן, וועלכע מ׳האָט אויסגענוצט צו דעמאַגאָגישע צילען.

בעת ער האָט געגעבען זיינע ערקלערונגען, האָט לעסקאָ געזאָגט, אַז אין דער ישיבה לערנט מען נישט קיין פּויליש. ווען איך האָב אים געפרעגט צוליב וואָס ער זאָגט דאָס, האָט ער געענטפערט: „כאָטש מען לערנט דאָרט נישט קיין פּויליש, קאָן איך פּויליש נישט ערגער, ווי נישט איינער פון די אָנגעקלאָגטע פּאָלאַקען".

אויב מיר וואָלטען אָנגענומען אינגאַנצען די טעזע פון בעשולדיגונגס-אַקט, וואָלטען מיר ביי די דאָזיגע בעדינגונגען געמוזט אנערקענען, אַז לעסקאָ האָט געשאָסען אין אַפעקט צו זעלבסט־פערטיידיגונג. און די דעציזיע פון העכסטען גע־ריכט זאָגט, אַז „יעדע טעטיגקייט, וועלכע שטופּט אָפּ אַנ׳אונגעזעצליכען אָנפאַל אָדער איז געטון געוואָרען צו דרינגענדער זעלבסטפערטיידיגונג — איז אַ רעכטליכע טעטיגקייט".

דעריבער קען מען אָפּגעבען שאָסען אָפּצושרעקען אָהן ריקזיכט אַפילו, וואָס פאַרא פאָלגען דאָס וועט ברענגען דעריבער. יעצט מ׳זאָל אַפילו זיך האַלטען ביי דער טעזע פון פּראָקוראָר, קען דאָ זיין נאָר אַ רייד וועגען אַ דרינגענדע זעלבסט־פערטיידיגונג.

אָבער די פאַקטישע פערטיידיגונג געהט נישט אין דער ריכטונג. אויפ׳ן יסוד פון אַ רוהיגער בעציהונג צו דער מעדיצינישער עקספּערטיזע קען מען פעסטשטעלען, אַז די קויל איז אריינגעגאַנגען אין אָרים, אַז די רעכטע לונג פון וויעשניאַק׳ן איז נישט בעשעדיגט, אַזוי אַז די קויל איז גע־גאַנגען האָריזאָנטאַל אויף לינקס. די קויל האָט בעשעדיגט דעם האַרץ־אָדער אויף דעם אופן אַז ס׳איז נישט מעגליך, ווי ס׳זאָגט די מעדיצינישע עקספּערטיזע, אַז דער שאָס זאָל האָבען אָפּגעגעבען געוואָרען פון אַ שטאָק אָדער פון אַ באַלקאָן.

דער פּראָקוראָר האָט געזאָגט, אַז ער איז טיף איבערצייגט אין לעסקאָ׳ס שולד. איך אָבער האַלט, אַז ווען נישט די ערקלערונגען פון לעסקאָ׳ן וואָלט ער אינגאַנצען נישט געווען אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק.

אַלזאָ, רופט אויס אַדוו. שומאַנסקי,

ווי אַזוי איז וויעשניאַק דערהרגעט גע־וואָרען?

די עדות האָבען דאָ כסדר ערקלערט וועגען שאָסען, וועלכע זענען אָפּגעגעבען געוואָרען פון הינטער׳ן פּלויט פון שוויעצקאַ׳ס הויז.

און אַזאַ שאָס האָט טאַקע דערהרגעט וויעשניאַק׳ן

אַזאַ שאָס איז געווען אַ נאַטירליכער. אין וועלכען אָרט איז געלעגען וויעשניאַק׳ס טויטער קערפּער? צוליב דעם, וואָס ער האָט עבקומען די קויל אין האַרץ, האָט ער העכסטענס געקענט מאַכען 5 ביז 6 טריט נאָכ׳ן שאָס. דאָס הייסט, אַז ער האָט בעקומען די קויל 6 טריט פאַר דעם אָרט, וואו ער איז געפאַלען.

אַדוו. שומאַנסקי טרעט דאַן צו אַרומצורעדען דעם סיטואַציע־פּלאַן וועגען אָרט, וואו וויעשניאַק איז דערהרגעט געוואָרען.

דער פאָרזיצער רייסט איבער דעם אַדוו. שו־מאַנסקי: איך בעט אייך נישט צו מאַכען קיין אויס־פיהרונגען פון דעם סיטואַציע־פּלאַן, ווייל דאָס איז נישט קיין אָפיציעלער דאָקומענט.

אַדוו. שומאַנסקי: איך ווייס עס זעהר גוט,

דער פּראָקוראָר האָט צוריקגעצויגען דעם דאָזיגען סיטואַציע - פּלאַן, ווייל ער איז נישט געווען גינסטיג פאַר דער בע־שולדיגונג

אָבער איך ווענד זיך צו אייך, הער פאָרזיצער, וועל־כער איז געווען אַזוי טאָלעראַנט בעת׳ן גאַנצען פיהרען דעם פּראָצעס, אַז איהר זאָלט אויך זיין טאָלעראַנט צו מיר און מיר ערלויבען אויפצו־ווייזען, אַז לויט דעם דאָזיגען סיטואַציע-פּלאַן האָט וויעשניאַק נישט געקענט פאַלען פון לעסקאָ׳ס קויל.

פון ד"ר וואטשיק׳ס עקספּערטיזע איז דאָס בולט צו זעהען. איך בעדויער זעהר, וואָס דאָס געריכט האָט נישט מסכים געווען אויף דער לאָ־קאַלער וויזיע אין פּשיטיק, פון וועלכער ס׳וואָלט אַלץ קלאָהר געוואָרען. איך בין געווען אין פּשי־טיק און האָב פיל צייט פערברענגט, כדי זיך אַליין צו דערוויסען און דאָרט האָב איך בעקומען די איבערצייגונג, אַז

לעסקאָ איז אונשולדיג

איך האָב זיך נישט געוואָלט פערלאָזען אויף זיך אַליין און בין נאָכאַמאָל געפאָהרען מיט אַזאַ אויטאָריטעט און אויסגעפּרובטען אַדוואָקאַט ווי עס איז מיין קאָלעגע פּעטרושעוויטש און מיר זענען ווידעראַמאָל געקומען צו די זעלבע אויספיהרונגען מיר זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַפילו אַזאַ אויסגעצייכענטער שיסער ווי ס׳איז געווען ווילהעלם טעל, וואָלט פון לעסקאָ׳ס פענ־

(ווייטער זעה 3-טע זייט)

אדוו. בערנסאָן

אַדוו. שומאַנסקי

פרישער הרוג אין ארץ-ישראל

דערשאָסען געוואָרען דער 28-יעהריגער אברהם מזרחי

בעלאַגערונגס-צושטאַנד אויפ׳ן וועג ירושלים—יפו

ירושלים, 23 (יט"א טעלעגראַפיש)

דער היינטיגער טאָג האָט ווידער גע־בראַכט אַ יודישען קרבן, דאָס איז דער 28-יעהריגער אברהם מזרחי פון צפת, ער האָט איבערגעלאָזען אַ פרוי מיט 3 קינדער.

דער פרישער קדוש איז דערהרג׳עט געוואָרען ביי פאָלגענדע אומשטענדען. ער איז געפאָהרען מיט אַנ׳אויטאָבוס אין גבעת יוסף נעבען ראש פנה, איז דער אויטאָבוס בעשאָסען געוואָרען דורך אראַבי־שע טעראָריסטען, 4 יודען זענען לייכט פערוואונ־דעט געוואָרען, מזרחי איז שווער פערוואונדעט גע־וואָרען און געשטאָרבען פון די וואונדען די קבורה קומט פאָר היינט ביינאַכט.

בעלאַגערונגס-צושטאַנד

ירושלים, 23 (יט"א טעלעגראַפיש)

צוליב דעם, וואָס ס׳פערשטאַרקען זיך די סאַבּאָ־טאַזש־אַקטען און שיסעריען, בעזונדערס אויפ׳ן שאָסע צווישען ירושלים און יפו, האָט די ענגלי־שע אַדמיניסטראַציע אַרויסגעגעבען אַנ׳אויסערגע־וועהנליכע פעראָרדנונג, וועלכע פיהרט איין בעלאַ־גערונגס־צושטאַנד אויף אַ שטח פון 27 קילאָמעטער אויפ׳ן וועג פון ירושלים קיין יפו. אויף דעם דאָ־זיגען שטח איז פערווערט די ראַד און פוס־פער־קעהר פון 7 אָווענד ביז האַלב פינף פאַרטאָג. 500 מעטער פון ביידע זייטען וועג טאָר זיך אין דער צייט קיינער נישט בעוויזען, שטאַרקע פּאַטרולען היטען דעם דאָזיגען וועג, וואו ס׳געפינען זיך די הרי־יהודה פון וואַנען די אַראַבער מאַכען זייערע אָנגריפען.

טעראָר אָהן אויפהער

ירושלים, 23 (יט"א טעלעגראַפיש)

דער אָפיציעלער קאָמוניקאַט פון היינט אינפאָר־מירט מיטאָג, אַז נעבען נור־אַל־שמש זענען אַרום־גערינגעלט געוואָרען 2 אַראַבער מיט באָמבעס אין האַנד.

אַ באַנדע פון 30 ביז 40 אַראַבער האָבען בעש־אָסען אַ מיליטערישע אָפּטיילונג נעבען עפולה.

אויפ׳ן וועג פון לוד — קיין ירושלים איז בעש־אָסען געוואָרען אַ צוג, קיין מענשליכע קרבנות זענען נישט געווען. דאָס מיליטער האָט פערטריבען די טעראָריסטען.

די טעראָריסטען האָבען בעשעדיגט דיזעלמאָטאָ־רען, דעם עין הרוד, דעריבער איז אויפ׳ן שטח וואו ס׳געהען אַרויך די וואַסער־ריעהרען ערקלערט געוואָרען אויסנאַהמס - צושטאַנד.

ירושלים, 23 (יט"א טעלעגראַפיש)

דער אָפיציעלער קאָמוניקאַט פון היינט איז אָווענד גיט איבער, אַז ס׳זענען איבערגעשניטען גע־וואָרען די טעלעפאָנישע דראָטען צווישען ירושלים און יריחו.

באָמבעס זענען געוואָרפען געוואָרען אין באר שבע, מגדל גד און יפו, 2 באָמבעס זענען געוואָרפען געוואָרען אויפ׳ן הר-הכרמל, 2 אַראַבער זענען דער־ביי אַרעסטירט געוואָרען.

ירושלים, 23 (יט"א טעלעגראַפיש)

נעבען הר עדיון איז היינט פאָרגעקומען אַ שלאַכט צווישען אַנ׳אַראַבישער באַנדע און דעם ענגלישען מיליטער. די אַראַבער זענען פערטריבען געוואָרען מיט דער הילף פון די יודישע קאָלאָניסטען.

פערניכטעט 2000 בוימער

ירושלים, 23 (יט"א טעלעגראַפיש)

אויפ׳ן וועג צווישען תל־אביב און בית־גן האָט מען געפונען 2 באָמבעס פון אַ גרויסען אויפרייס קראַפט, צום גליק האָט מען די באָמבעס בעצייטענס בעמערקט.

היינט ביינאַכט האָבען אַראַבישע טעראָריסטען פערניכטעט 2000 בוימער און פרדסים פון הרצליה און רעננן.

אין קרית־חיים, די פאָרשטאָט פון יפו האָט מען היינט געוואָרפען אַ באָמבע, וועלכע האָט קיי־נעם נישט געשאַדט.

אונגעהויערע הזיקות

ירושלים, 23 (יט"א טעלעגראַפיש)

לויט די פערעפענטליכטע אָפּשאַצונגען האָבען ביז איצט די אַראַבישע טעראָריסטען פערניכטעט 140 טויזענד פרוכט און וואַלד־בוימער, תבואה איז פערניכטעט געוואָרען אויף אַ שטח פון 4000 דו־נאַם. די צאָהל אַראַבער, וועלכע זענען זייט די אונ־רוהען געמשפּט געוואָרען דורכ׳ן געריכט בעטרעפט 1820, דערפון 1321 פאַר עובר זיין די אויסנאַהמס־געזעצען.

די צאָהל יודען וועלכע זענען געמשפּט געוואָרען זייט דעמאָלט בעטרעפט 418 הערונטער 62 פאַר עובר זיין אויף די אויסנאַהמס - געזעצען.

אנטי־יודישע אונרוהען אין רומעניען

געשלאגען יודען אין בוקארעשט און קישינעוו

פערוואונדעט געווארען ד״ר פילדערמאן

בוקארעשט, 23 (יט״א טעל.)

די אנטי־יודישע אונרוהען אין בוקארעשט האלטען ווייטער אן. די רעכטע עלעמענטען פערברענען עפענטליך די לינקע און ליבעראלע צייטונגען.

אין קארידאר פון העכסטען געריכט איז באפאלען געווארען דער באקאנטער פיהרער פון רומענישען יודענטום אדוו. ווילהעלם פילדערמאן.

ס'זענען אויך צושלאגען געווען פיל אנדערע יודישע אדוואקאטען.

אין בעלז זענען פערוואונדעט געווארען צוויי יודען.

אין קישינעוו זענען באפאלען געווארען יודישע דורכגעהער, 3 יודען זענען פערוואונדעט געווארען.

אין בוקארעשט זענען ארעסטירט געווארען 60 סטודענטען.

פאריז, 23 (ספ. טעל.)

„האוואס"־אגענטור מעלדעט פון בוקארעשט, אז נעכטען איז געקומען צו נייע געשעהענישען אין האנדעלס־קווארטאל, וואו די רעכטע האבען זיך גרופירט פאר די שויפענסטער פון „אדעווערול", „דימינעאטא" און „וופלא". די דאזיגע שויפענסטער זענען פערברענט געווארען. די לעצטע געשעהענישען האבען זיך אנגעטראפען אויף א פערארטיילונג מצד די געמעסיגטע און לינקע פאקטארען. בריאטאנו, דער פיהרער פון דער ליבעראלער פארטיי איז שארף ארויסגעטרעטען געגען דעם „אולטראנאציאנאליזם און אנטיסעמיטיזם פון די רעכטע פארטייען".

היינט — א זיצונג פון סענאט

ווארשא, 23 (טעלעפאניש)

היינט 10 א זייגער קומט פאר א זיצונג פון סענאט. אין פערלויף פון היינטיגע וואך וועלען נאך ארבייטען עטליכע קאמיסיעס און סוף וואך ווערט בעשלאסען ווערען די אויסערגעווענליכע סעסיע פון סיים און סענאט.

מין. בעק קיין גענף

ווארשא, 23 (טעלעפאניש)

מארגען זאל ארויספאהרען קיין גענף דער אויסערן־מיניסטער בעק אין בעגלייטונג פון נאג. שעלניק פון דער פרעסע־אפטיילונג סקיווסקי.

אפגערופען דעם ראט מילשטיין

ווארשא, 23 (טעלעפאניש)

דער ביז איצטיגער פעל־יועץ אין דער פאריזער אמבאסאדע, דער בעפולמעכטיגטער מיניסטער מילשטיין איז אפגערופען געווארען אין דער צענטראלע פון אויסערן־מיניסטעריום.

בעלגיען געגען סאנקציעס

פאריז, 23 (ספ. טעל.)

פון בריסעל מעלדעט מען: ס'איז פארגעקומען א זיצונג פון קאבינעט־ראט, בעת וועלכער ס'איז אנגענומען געווארען א בעשלוס וועגן דער שטעלונג פון בעלגיען צו די סאנקציעס. די בעלגישע רעגירונג האט בעשלאסען צו פעראייניגען זיך מיט שטאנדפונקט פון פראנקרייך און ענגלאנד. אויף דער נאהענטער סעסיע פון דער פעלקער־ליגע וועט די בעלגישע דעלעגאציע שטימען פאר אפשאפען די סאנקציעס.

דער
„נייער פאלקסבלאט"
איז טעגליך פריהמארגעס צו בעקומען
אין טעאפילאוו
לודראווא 17. סאלטיס שוואנדע,
ביי קרישטאל.

דע־לא־ראק האפט נאך אלץ...

ער איז זיכער אין זיג פון זיין פארטיי

פאריז, 23 (ספ. טעל.)

דער אנפיהרער פון „פייער־קרייץ", פולק. דע־לא־ראק, האט געהאט א געשפרעך מיט'ן פארשטעהער פון „עקא דע פארי" וועגן דער פראגע פון פערמאכען די ארגאניזאציע. דע־לא־ראק האלט אז די דעציזיע פון דער רעגירונג איז נוגע נאר די פרויען־גרופען און דעם הילפס־פעריין. מיט עטליכע חדשים צוריק האט דע־לא־ראק געשאפען א נייע פאליטישע ריכטונג „די פראנצויזישע סאציאלע פארטיי", כדי אזוי ארום אויסצומיידען דאס שליסען זיין ארגאניזאציע. כ'איז מעגליך, אז די רעגירונג וועט אננעהמען נייע רעפרעסיע־פעראררנונגען. זיין ארגאניזאציע איז אבער אזוי שטארק, אז זי האט נישט מורא פאר קיין שום רעפרעסיעס. איבריגענס, זאגט דער פולקאווניק, האט נאך קיין שום געוועלשאפטליכע אדער פאליטישע ריכטונג נישט דערגרייכט קיין ערנסטע בעדייטונג אהן פערפאלגונגען. איצט לעבט דער „פייער־קרייץ" אדורך דעם לעצטען עטאפ פאר זיין זיג. מ'דארף דאנקען דעם פרעמיער בלום און מיניסטער סאלענגרא, פאר זייער אקציע, וועלכע וועט צואיילען דעם זיג פון „פייער־קרייץ".

גרענאבל, 23 (ספ. טעל.)

נאך א פערזאמלונג פון דער ארגאניזאציע „פייערדיגער קרייץ", איז געקומען צו א מאניפעסטאציע פון לינקע עלעמענטען בעת א צוזאמענשטויס זענען פערוואונדעט געווארען 2 פערזאן, וועלכע געהערען צו די רעכטע ארגאניזאציעס. ס'זענען אויך פערוואונדעט געווארען א פאליציי קאמיסאר און א פאליציאנט.

א שאר אפילו איין ענגלישער זעלנער פאר אביסיניען

ערקלערט מין. סיימאן אין ענגלישען פארלאמענט

לאנדאן, 23 (ספ. טעל.)

ביים אנהויב פון דער היינטיגער פארלאמענט־זיצונג האט דער אנפיהרער פון חער ליבעראל־פארטיי דעפ. איסלי בעגרינדעט זיין פארשלאג וועגען אונצוטרויען פאר דער רעגירונג דערמיט, וואס די אויסלענדישע פאליטיק האט דערנידריגט דעם אויטאריטעט פון ענגלאנד און פון דער פעלקער־ליגע. געענטפערט האט מין. סיימאן, וועלכער האט פערטיידיגט אידען'ען.

סיימאן האט אויך געענטפערט לאיד דזשארזש'ן. סיימאן האט געזאגט, אז לויט זיין מיינונג וואלט געוועהן א שאד ווען כאטש איין ענגלישער זעלנער זאל געוועהן אומקומען אין דער אביסינישער פראגע. חער פארשלאג וועגן אונצוטרוי איז נאך נישט אפגעשטימט.

שטרייק־לאגע אין בעלגיען

פאריז, 23 (ספ. טעל.)

פון בריסעל מעלדעט מען: די שטרייק־סיטואציע בלייבט נישט געענדערט. אין בריסעל האבען די פער אמטע פון אינסטיטוציעס פון עפענטליכען געברויך אנגעקינדיגט אויף היינט אן'אלגעמיינעם שטרייק.

בריסעל, 23 (ספ. טעל.)

נאך דער נעכטיגער זיצונג פון קאבינעטראט איז פערעפענטליכט געווארען א קאמוניקאט, אין וועלכען די רעגירונג שטעלט פעסט מיט צופרידענהייט, אז די שטרייק־לאגע האט זיך פיל פערבעסערט, כמעט אין דער גאנצער אינדוסטריע איז געקומען צו א פערשטענדיגונג בנוגע די געצאהלטע אורלויבען, מינימום־לוין, פרייהייט פון שאפען פראפעסיאנעלע פעראיינען און רעוויזיע פון די ביז איצטיגע לוינען, אין מאנכע צווייגען פון דער אינדוסטריע איז אויך געקומען צו א פערשטענדיגונג בנוגע דעם 40־שעהדיגען ארבייטס־וואך.

Dr. med. Trepman
ספעציאליסט פאר טריפער, סיפילים און
הויט־קראנקהייטען.
בעהאנדלונג פון מענער־שוועכע.
זאוואדזקא 6, טעל. 234־12
נעמט אן פון 8—11 נאכמ. און פון 6—8 אוועגד.

Nowy-Otwock
דאס בעסטע אפרוה־ווינקעל און די בעסטע ערהאלונג אין גיר
אין גוט־בעקאנטען כשר'ן
פענסיאנאט באמבערג
פאר פאמיליעס גרויסע הנחה־פרייזען. ערשטקלאסיגע בעדינונג
— דער בעגאזש ווערט פון לאדז אויס איבערגענומען. —
אינפארמאציעס אין דער עקספעדיציע „ISKRA" אנראדאווא 2

אכטונג, פארבען־הענדלער!
עס ווערט בעקאנט געמאכט, אז דאס בעוואוסטע
פארבען־געשעפט א. פ.
„ל. ה. בערגער"
לאדז, דרעווגאווסקא 5, טעל. 39־33
איז ווייטער געעפענט און עמפפעהלט זיך די געעהרטע לאדזער און פראווינצער קונדשאפט.

Dr. med
J. Nadel
ספעציאליסט פון אקושעריע־ און
פרויען־קראנקהייטען
אנדזשעיא 4, טעל. 28־20
נעמט אן פון 10—12 און פון 5—7 אוו.

שייטלען
מיט פאריזער שרינדן
פערטיגע שייטלען
ביי קערש
סקווערא 15

שוין דערשינען:
משה שולשטיין
דאס פייפל
אין די בערג
(קארפאטען־לידער)
פרייז 1.25 זל.
צו בעקומען אין לאדז
ביי נ. בערלינסקי
אלטער מארק 12.

געדענקט, שטשענשליווי
ביי
א גרויסער אויסוואהל פון
אריגינעלע בילליצער און
טאמאשאווער סחורות
אויף אנציגער און פאלטענס
פון די בעסטע קוואליטעטען ווי אויך
פערשידענע רעשטען
מיט 30% בילליגער
קומט איי איבערציגט אייך!
R. Szczęśliwy
לאדז, 5 נאוואמיעסקא 5
טעל. 156־09.
געדענקט פראנט II שטאק.

„פאלשע חרפה"
פון ד״ר מעד. ה. ראזשאנער.
וואס יעדער דערוואקסענער דארף וויסען
וועגען ווענערישע קראנקהייטען
אין 2 בענדער
מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען צום מחבר:
Dr. Różaner, Łódź, Narutowicza 9.

Lekarz Dentysta
Jakób Botwinik
נעמט אן טעגליך פון 10 ביז 3 נאכמ.
אין דער לעטשניצע „פאמאץ" רוג זגער־זשער און לימאנאווסקיעגא 1, טעל. 101־29
און פון 4—10 אוועגד אויף נארוטאוויטשא 13. —::— צוגענגליכע פרייזען
פאר ארבייטסלאזע — הנחה.

Dr. med.
M. GLAZER
ספעציאליסט פאר הויט־
און ווענערישע קראנקהייטען
ZACHODNIA 64, tel. 185-49
נעהמט אן פון 12—2 מיטאג און פון 7 ביז 8.30 אוועגד.
זונטאג און חגאות פון 10—12 בייטאג.

אכטונג אכטונג
100־טער מענשען
האבען זיך שוין איבערציינגט, אז די בעסטע
היגיענישע טאפטשאנעס,
מאזעטסעס און מאטראצען
ווי אויך פערשידענע טאפציר־ארבייט
זענען נאר צו בעקומען אין דער 1־טער
לאדזער ווערקשטאט פון אויסגעבעסערטע
היגיענישע טאפטשאנען און מאטראצען
„ZURMA" א. פ.
אינה. י. מרוז
Łódź, Cegielniana 58
סאלידע און פינקטליכע אויספיהרונג

הילף און רפואה פאר ברוך־קראנקע

(רופטורען) אויף פיווינקעל, נאפעל ביי מענער, פרויען און קינדער, אויך פאר פערטרימונגען פון רוקענביין (הויקערס), פיס. שיפע פלייצעס און שמערצהאפטע פלאט־פיס. דאס ליידען איז נישט צו פערנאכלעסיגען, ווייל די פאלגען זענען פאר'ן לעבען ביטער און געפעהרליך. דורך מיין מעטאדע צרונדענע ספעציעלע גומי־הייל־באנדאזשען, וועלכע העלפען צו די גרעסטע פערנאכלעסיגטע נעפערליכע ברוכען און בעזייטיגען ראדיקאל מיט גאראנטיע אהן בלוטיגע אפעראציע. מיין ספעציאליטעט איז אויך: הייל־אפאראטען און גארסעטען געגען אלערליי פערקריפלונגען, פערקרימטע פלייצעס, פוס, הויקערס ווי אויך שמערצענדע פלאט־פיס. פאר אמפוטירטע אינוואלידען אמעריקאנישע קונסט־פיס (סאלאן־ארבייט).
ביים ארויפלאזען זיך פון מאגען, קישקעס, נעבירט־מוטער, עמפפעהל איך ספעציעלע הייל־באנדאזשען לויט דעם סיסטעם פון פראפ. ד״ר גלענארד
דער אמת'ער בעריהמטער איז גאנץ פוילען פון אוניווערזיטעטס־פראפעסארען אנערקענט
ספעציאליסט
Ortoped **NATAN RAPAPORT**
מיט 30־יעהריגער פראקטיק אין ווין, דייטשלאנד און לעמבערג, נעמט אן פון 9 פריה ביז 1 בייטאג און 3 ביז 7 אוועגד
אין לאדז, פילסודסקיעגא № 23
פערזענליכעס ערשיינען פון קראנקע ביי מיר איז אומבעדינגט נויטיג.

וויכטיג פאר
פאבריקאנטען
און האנדווערקער
שווייסונגען,
מאשינען־טיילען
און רעפעראטורען
פיהרט אויס ביליג
די מעכאנישע
שלאסעריי
י. רעדער
ליסטאפאדא 11/13 11
(רוג זאכאדניא)

כעמ ש־באקטעריאלאנישער
לאבאראטאריום
פ. שאץ, לאדז
פיעטריקאווער 37

אויערען, נאז און האלז
און לונגען־קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פיעטריקאווער 67. טעל. 127־81
נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צוועקס אפעראציע א. אז. וו. ווי אויך אמבולאטאריש פון 9־2 און פון 4־8 אוועגט
ביי דער קליניק איז טעטיג
א רענטגען־ גאבינעט
פאר דורכלייכטונגען און אלערליי פאטאגראפיעס

D[r.]med. **LEON FAMILIER**
אינערליכע און קינדער־ קראנקהייטען
שערפיען 37 (בענעדיקטא) .6
נעהמט אן פון 5—7 נאכמ.

פֿראַנקרייך'ס אויסערן־פּאָליטיק

גרויסע דעקלאַראַציע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעגירונג

פּאַריז, 23 (ספּ. טעל.)

אויף דער זיצונג פֿון פּאַרלאַמענט האָט דער אויסערן־מיניסטער דעלבאָ געלייענט די רעגירונגס־דעקלאַראַציע וועגען דער אויסערן־פּאָליטיק. די זעלבע דעקלאַראַציע האָט דער פּרעמיער בלום גע־לייענט אין סענאַט.

אין דער דעקלאַראַציע ווערט געזאָגט, אַז פֿראַנקרייך וויל זיכערען דעם שלום אין דער וועלט. דאָס איז נישט קיין שלום, וואָס איז אָפּהענגיג פֿון קרובה־שאַפֿט אָדער פּאָליטישע אַנטאַגאָניזמען. פֿראַנקרייך וויל נישט מאַכען קיין קריג־צוגען. פּראָפּאַגאַנדע אָדער קאַמף געגען אַן אַנדערן פּאָ־ליטישען און געזעלשאַפֿטליכען סיסטעם, דאַרף נישט זיין קיין אויסרייד צו מלחמה. פֿראַנקרייך וועט בלייבען טריי די פּרינציפּען פֿון דער פֿעלקער־ליגע אונטער צוויי בעדינגונגען: אָפּהיטען די רעכט פֿון אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכען און צוריקקעהרען דעם אינטערנאַציאָנאַלען צוטרוי.

אין דעם גייסט איז די פֿראַנצויזישע רעגירונג צוגעטרעטען צו בעטראַכטען די פֿראַגע פֿון סאַנקציעס. דאָס דערהאַלטען די סאַנקציעס אין איצטיגען מאָמענט האָט נישט קיין שום רעאַלען ווערט און קען נאָר פֿערערגערן די לאַגע.

אין איצטיגען מאָמענט קען מען נישט רעדן וועגן קיין ברייטע אַמביציע־פּלענער. די לעצטע מיסערפֿאָלגן פֿון דער ליגע זענען אַ רעזולטאַט פֿון די פֿעהלערן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען ביים אויספֿיהרען די אָפּמאַכען און נישט ביים שליסען זיי. ביים אַדורכפֿיהרען אַגרעסיעס, דאַרפֿען ווי אַמ־שנעלסטען אָנגעווענדעט ווערען מיטלען, מיט וועל־כע ס'דיספּאָנירט די פֿעלקער־ליגע.

וואָס שייך די בעציהונגען צו דייטשלאַנד, שטרעבט פֿראַנקרייך צו שליסען אַן אָפּמאַך, וועל־כער זאָל אַ סוף מאַכען צו דער לאַגע, וואָס איז געשאַפֿען געוואָרען דורך בּוזעצען דעם אויבער־רהיין דעם 7 מערץ. אָבער דאָס איז נישט אָפּ־הענגיג נאָר פֿון פֿראַנקרייך, דערווייל עקזיסטירט נאָך לאָקאַרנאָ מיט די גוואַראַנציעס פֿאַר פֿראַנק־רייך און בעלגיען. ענגלאַנד האָט דאָס שוין אַנער־קענט. פֿראַנקרייך איז זיכער, אַז אויך איטאַליען וועט געבען די אונטערשטיצונג און צוזאַמענאַר־בייט פֿון דער ענגלישער און אַמעריקאַנער דעמאָ־קראַטיע און אויך ראַטען־פֿערבאַנד ביים אויפֿבויען די קאָלעקטיווע זיכערקייט.

די זיכערקייט פֿון בעלגיען, רומעניען, טשעכיען און יוגאָסלאַוויען איז אַן עלעמענט פֿון דער פֿראַנ־צויזישער זיכערקייט.

די פּויליש - פֿראַנצויזישע פֿריינדשאַפֿט וועט בעקומען אַ נייע בעשטעטיגונג און אַ הארציגען און דירעקטען זוכען בעסערע פֿאָרמען פֿון צוזאַמענאַר־בייט פֿון ביידע סאָלידאַרישע פֿעלקער.

איבערגעהענדיג צוריק צו די דייטש־פֿראַנצויזי־שע בעציהונגען, האָט דער מיניסטער בעטאָנט, אַז די פּאַרטייען וואָס געהערען צום פֿאָלקס־פֿראָנט האָ־בען שטענדיג געקעמפֿט פֿאַר אַ דייטש־פֿראַנצויזי־שער פֿערשטענדיגונג.

קאַנצלער היטלער האָט שוין עטליכע מאָל אויס־געדריקט זיין ווילען צו פֿערשטענדיגען זיך מיט פֿראַנקרייך. מיר צווייפֿלען נישט אין די ווערטער פֿון אַ קאָמבאַטאַנט, וועלכער האָט דורך 4 יאָהר בעקענט די גוועטען פֿון דעם אָקאָפּע־לעבען, מיר קענען אָבער נישט פֿערגעסען אין געוויסע פֿאַקטען, דייטשלאַנד בעוואָפֿנט זיך אין אַ שנעלען טעמפּאָ, די עוואָלוציע פֿון די דייטש־פֿראַנצויזישע בעציהונגען קען קומען דורך אינטערנאַציאָנאַלער ענטוואָפֿנונג. די פֿראַנ־צויזישע רעגירונג וועט פֿאָדערן צו פּובּליקירען די דאַטען וועגען געווער - פֿאַבּריקאַציע און אַ קאָנ־טראָל פֿון אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע.

כדי צו לעזען די איצטיגע ווירטשאַפֿטליכע לאַגע וועט די פֿראַנצויזישע רעגירונג פֿאָדערן צונויפֿצו־רופֿען אַ קאָמיסיע וועגען אַ פּאַן־איראָפּעאישער או־ניע, וואָס איז שוין פֿאָרגעלעגט געוואָרען דורך בריאַנ'ען.

ביז די ענטוואָפֿנונג וועט נישט קומען, וועט פֿראַנקרייך דערהאַלטען איהרע מיליטערישע כּוחות, אַז ס'זאָל נישט מעגליך זיין קיין אַגרעסיע.

דאַן איז פֿאָרגעקומען אַ דיסקוסיע. עטליכע רעד־נער האָבען קריטיקירט די רעגירונגס־דעק־לאַראַציע.

נאָכדעם האָט נאָך אַמאָל גענומען אַ וואָרט מי־ניסטער דעלבאָ, וועלכער האָט צווישען אַנדערען ער־קלערט, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ געפֿאַהר פֿון דער דייט־שער דאָקטרינע וועגען ראַסיזם. פֿראַנקרייך וועט אָבער טאָן אַלץ, כדי צו שיצען די אינטערנאַציאָנאַלע גערעכטיגקייט.

גיפֿט פֿאַר דער גאַס

זענען די רעדעס פֿון די ענדעקישע אַדוואָקאַטען

(ענדע פֿון דער 1־טער זייט)

סטער נישט געקענט טרעפֿען וויעשניאַק'ן אויף דעם אָרט, וואו ער איז געפֿאַלען. און אַ געגען דעם אָרט, וואו וויעשניאַק איז געפֿאַלען האָבען מיר דאָך ערקלעהרונגען פֿון וויעשניאַק'ס זוהן, ברודער און שוואָגער, פֿאַר וועמענס אויגען עס שטעהט זיכער קלאָהר דאָס בילד פֿון טראַגישען מאָמענט.

און איצט נאָך אַ פֿראַגע: וואו איז דער עדות פֿראַטעק? דער דאָזיגער עדות האָט דאָך בעת דער אויספֿאָרשונג קלאָהר געזאָגט, אַז וויעשניאַק איז געפֿאַלען פֿון אַ קויל, וועלכע איז געקומען פֿון וויעטשקאַ'ס הויז.

וואו איז דער דאָזיגער עדות אהינגעקו־מען, פֿאַרוואָס האָט מען אים נישט גערופֿען?

דאַן געהט אַדוו. שומאַנסקי איבער צו די אויספֿיהרונגען, וועלכע קאָוואַלסקי האָט געמאַכט אין זיין רעדע. צי זענען דען נישט קאָמיש די ערקלעהרונגען פֿון קאָוואַלסקי'ן, אַז דער תלמוד ערלויבט יודען ליגען צו זאָגען פֿאַר'ן געריכט. בעת מיר זעהען, אַז קיינער פֿון די בעשולדיגטע קריסטען האָבען זיך נישט מודה געווען, בעת דער יוד לעסקאָ, דער וואָס האָט געלערנט אין דער ישיבה, דער וואָס קען תלמוד, האָט זיך באַלד מודה געווען, אַז ער האָט געשאָסען. דער דאָזיגער לעס־קאָ, וועלכען זיין פֿאָטער האָט געטרוימט צו מאַ־כען פֿאַר אַ רב.

איך בעט דאָס געריכט וועגען אַ מילדען אור־טייל. איך נעהם מיר דאָס רעכט צו רעדען וועגן דעם זאָל מען נישט דערלאָזען צו פֿערשפּריי־טען די שנאה, זאָל מען נישט דערלאָ־זען, אַז ביי אונז זאָלען זיך פֿערוואָרצלען די אידעען פֿון דעם באַרבאַרישען היט־לעריזם, מיר אין פּוילען האָבען אַנדערע טראַדיציעס. אונזערע טראַדיציעס זע־נען פֿון אַ פֿרידליכען צוזאַמענלעבען צווי־שען פּאָלאַקען און יודען. דאָס וואָס איז גע־שעהן אין פּשיטיק איז נישט פּויליש און נישט אין פּוילישען גייסט, אונזער לאָזונג איז פֿאַר אונזער און אייער גליק. היטלער פֿעררופֿט זיך אויף די טראַדי־ציעס פֿון קרייץ־צוגן, דעריבער שטעלט ער די קראַפֿט העכער ווי דאָס געזעץ, מיר האָבען נישט אַזעלכע טראַדיציעס.

איינער פֿון די קריסטליכע פֿערטיידיגער האָט דאָ געזאָגט, אַז ווען אין פּשיטיק וואָלטען נישט געווען קיין סלאָוואַנער נאָר גערמאַנער וואָלט פֿון דער וואַרשאַווסקאַ גאַס (וואו ס'וואוינען בלויז יודען — די רעד.) קיין שריד און פּליט נישט געווען. וואָס זענען דאָס פֿאַראַ דיבורים אין אַ פּוילישען געריכט.

דער פּראָקוראָר האָט פֿערענדיגט זיין רעדע מיט דעם, וואו מ'נעהמט אַזאַ קיין, וועלכע זאָל פֿערשטעלען דאָס אַלץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען, איך בין מסכים דערמיט. איך וואָלט געזאָגט, זאָלען מיר זיך די זינד פֿערגעבען. ווען מיצקעוויטש'ס גייסט שוועבט דאָ אַרום איבער'ן זאַל, ווען זיינע יתומים שרייען אויס

„אלי אלי למה עזבתני"

אויך דעמאָלס זענען זיי מוחל די בעגאַנגענע זינד.

אָבער נישט אָנווייזען ווער ס'האָט גע־שלאָגען.

אויפֿ'ן סמך פֿון אַזעלכע עדות קען דאָס געריכט נישט פֿערמשפּטען.

דער אַדוואָקאַט מאַרגאָליס האָט נאָך גערעדט וועגען דער האַלטונג פֿון דער פּאָליציי און געזאָגט:

פֿיל האָט מען דאָ גערעדט, אַז יודען האָבען געוואָרפֿען שטיינער.

וויזט מיר כאָטש איין צובלוטיגטען קריסט פֿון אַ יודישען שטיין.

דער אָנהויב פֿון די אומרוהען אין פּשיטיק איז געקומען מיט קירכען־גלאָקען. דער אַנדערער טייל פֿון דער בעפֿעלקערונג האָט געזאָגט ווידוי.

די יודען, וועלכע זיצען אויף דער בעשול־דיגונגס־באַנק, זאָגט אַדוו. מאַרגאָליס, האָבען נישט געזינדיגט,

„זיי זענען געשענדעט און זיי ברויכען נישט צו ווערען פֿערמשפּט"

האָט געזאָגט דער גרויסער פּוילישער פּאָעט יאַן קאָכאַנאָווסקי.

דאַן בעקומט דאָס וואָרט אַדוו. שטיינגער

דער פֿערטיידיגער, זאָגט דער רעדנער, האָט דאָ אַ זעהר שווערע אויפֿגאַבע. דער פּראָצעס איז קאָמפּליצירט געוואָרען און אין איהם איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ כאַאָס. די פֿערהאַנדלונ־גען זענען איינגאַנגען נישט־נויטיג פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּאָליטישער טריבונע, מען בעקומט דעם איינדרוק, אַז

די פֿערטיידיגונג פֿון די קריסטען האָבען גערעדט נישט פֿאַר'ן געריכט נאָר פֿאַר דער גאַס.

איך וויל דערמאָהנען, אַז דאָ האַנדעלט זיך נישט וועגען דעם, אַז דאָס געריכט זאָל לעזען די יודען־פֿראַגע, נאָר אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען די בע־שולדיגטע.

אין גאַנצען לאַנד קומען פֿאָר טעגליך טויזענדער פּראָצעסען. אומעטום טרעטען אַרויס יו־דישע עדות. ס'איז אָבער נאָך נישט דערהערט געוואָרען, אַז אימיצער זאָל קוועסטיאָנירען די גלויבענסווירדיגקייט פֿון יודישע עדות.

דאָ ערלויבט זיך קאָוואַלסקי דאָס צו טון איך דערמאָן דאָס געריכט, אַז דאָס ערש־טע בוך וועגען תלמוד איז געשריבען געוואָרען אויף דער בעשטעלונג פֿון רוסישען צאַר. מיט דעם דאָזיגען בוך בענוצט זיך דאָ אין פּוילישען געריכט קאָוואַלסקי

דאָס איז איינס פֿון די גרעסטע פֿערברעכענס. דער־מיט וועט מען אַריינברענגען נייע מהומות. נייע פּשיטיקס. צום שאָדען פֿון דער פּוילישער מלוכה. די דאָזיגע רעדעס וואָס ווערען דאָ געהאַלטען פֿון דער קריסטליכער זייט וועלען גורם זיין דערצו.

מ'האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז אין דער וואַרשעווער גאַס, וועלכע איז פֿול מיט יודען האָ־בען זיך די יודען קאָנצענטרירט און בעוואָפֿנט, כדי אָנצופֿאַלען אויף דער פּאָליציי. אָבער פֿון דער פּראַקטיק ווייסען מיר דאָך, אַז פּאָגראָמען קו־מען דוקא פֿאָר אויף די גאַסען, וועלכע זענען געדיכט בעוואוינט מיט יודען. איך ערלויב זיך צו שטעלען אין ספֿק די ערקלערונגען פֿון די אַליבי־עדות, וועלכע זענען אין זייער גרעסטען טייל קרובים פֿון די בעשולדיגטע.

פֿיל פֿון זיי האָבען אַליין געדאַרפֿט זי־צען אויף דער בעשולדיגונגס - באַנק.

פֿיל האָבען זיך דאָ געשטעלט אויף דער קלוגער פֿראַגע, פֿאַרוואָס די יודען זענען בעת די אומרוהען נישט געזעסען אין זייערע וואוינונגען, נאָר זיך בעהאַלטען אויף די בוידעמער און קע־לערען, פֿון וואָס מען וויל דרינגען, אַז פֿון דאָרט האָבען זיי געוואָרפֿען שטיינער און געשאָסען. צי ווייסען דען נישט די דאָזיגע חכמים אַליין,

בעת אַ פּאָגראָם איז די גרעסטע סכנה צו בלייבען אין שטוב.

דער פֿערטיידיגער געהט דאַן איבער צו רעדען וועגען זיין קליענט צוקער. די בעשולדיגונג שטיצט זיך אויף די ערקלעהרונגען פֿון אַ פּאָליציאַנט וועלכער האָט געזעהען, אַז צוקער האָט געהאַלטען עפּעס אַ חפֿץ אין האַנד, ähnlich צו אַ רעוואָלווער. דערזעלבער עדות האָט געזאָגט, אַז צוקער איז באַלד אַנטלאָפֿען און ערשט שפּעטער האָט ער איהם פֿערהאַלטען, ווען ער איז געזעסען אין דער געזעלשאַפֿט פֿון נאָך צוויי מענשען. וואו איז דאָ די זיכערקייט, אַז דאָס איז געווען צוקער? דער פֿערטיידיגער אַפּעלירט, אַז דער אַרויסגעגעבענער אורטייל זאָל נישט זיין קיין עולה פֿאַר'ן פּוילישען געריכט

פּרעכטיגע רעדע פֿון אַדוו. מאַרגאָליס

דאַן הויבט אָן זיין רעדע דער אַדוואָקאַט מאַרגאָליס. ער זאָגט: שלעכט איז געשעהען אין פּשיטיק דעם 9־טען מערץ. אין נאָמען פֿון וואָס דאָס געשעהען? ווער זיצט אויף דער בעשולדי־גונגס־באַנק? עס זיצען בלויז אָרימע מענשען, וועלכע פֿערדינען שווער אויף זייער שטיקעל ברויט.

שולדיג זענען דאָך גאַנץ אַנדערע, די אָנפֿיהרער, די וועלכע זיצען נישט אויף דער בעשולדיגונגס - באַנק

דאָ האָט מען פֿיל גערעדט וועגען באָיקאָט וועגען אַזוי־גערופֿענעם „ערלויבטען" באָיקאָט. וואָס איז דאָס באָיקאָט דאָס איז אַ שטראָף פֿאַר מענשען וועלכע דאַרפֿען אָפּגעווענדערט ווערען.

מ'האָט געזאָגט, אַז אויך יודען באָיקאָטירען דייטשלאַנד, אָבער דער באָיקאָט געגען דייטשלאַנד איז דאָך געווען די רעאַקציע אויף די שרעק־ליכע עוולות פֿון היטלעריזם, וועלכער האָט זיך אָפּגעריסען פֿון דער ציוויליזאַציע, איינגעשטעלט אַ רעזשים פֿון באַרבאַריזם. אָבער אויך

דער דאָזיגער באָיקאָט איז נישט ער־לויבט געוואָרען אַלס אַזעלכער, וואָס איז געגען דעם געזעץ

קאָוואַלסקי טרעט דאָ אַרויס אַלס תלמוד־קענער. איך קען נישט אַזוי פֿיל תלמוד ווי קאָוואַלסקי, אָבער איך האָב זיך בעמיהט נאָכצופֿאָרשען די אַלע ביכער וואָס קאָוואַלסקי און כ'האָב זיך אָנגע־שטויסען אויף דער הערליכער געשטאַלט פֿון ישעיהו הנביא מיט זיין והיה באחרית הימים. מען האָט דאָ גערעדט וועגען כל - נדרי אָבער מ'האָט נישט געזאָגט, אַז אין

דער גמרא נדרים געפֿינט זיך אַן אָרט וועלכעס זאָגט, אַז מ'טאָר נישט פֿאַלש עדות־זאָגען אַפֿילו אין אַ געריכט פֿון געצענדינער

אָבער די כוונה פֿון דער רעדע איז געווען אַן אַנדערע. מ'האָט געדאַרפֿט גיפֿט פֿאַר די מאַסען. קאָוואַלסקי האָט געזאָגט, אַז יודען האָבען גע־שטויסען דערצו, אַז פּויערים זאָלען אָנגרייפֿען די פּאָליציי. און דאָס ווערט נישט אָנגערופֿען פּראָ־וואָקאַציע. דערפֿאַר איז כדאי צו דערמאָהנען אַ ערקלעהרונג פֿון אַ קריסטליכען עדות, וועלכער האָט געזאָגט, אַז דאָס בלויע בעווייזט זיך פֿון אַ יוד אין גאַס איז שוין געווען פּראָוואָצירענד.

אַדוו. מאַרגאָליס רעדט דאַן וועגען זיין קליענט באַנדאַ. די גאַנצע בעשולדיגונג שטיצט זיך דער־רויף, וואָס אימיצער האָט איהם געזעהען מיט עפּיס אַ זאַך אין האַנד. אָבער קיינער האָט נישט געזעהען, אַז ער זאָל האָבען אימיצען עפּעס געטאָן. בכלל זענען די ערקלעהרונגען פֿון די קריסטליכע עדות געווען אַזעלכע, אַז

יעדער פֿון זיי האָט געזעהן ווי יודען האָ־בען געשלאָגען פּאָלאַקען, קיינער קען

אַדוו. פּעטרושעוויטש

ווידער אַ יודען־פֿרעסערישע רעדע

דאַן רעדט ווידער אַן ענדעקישער אַדוואָקאַט פּאַזאָווסקי פֿון קראָקע. ער הויבט אָן מיט גרויסע טענות צום געריכט, פֿאַרוואָס ס'איז נישט אַרויס־גערופֿען געוואָרען אַלס עקספּערט דער גלח טשע־טשאַק.

פּאָרזיצער: איך בעט אייך נישט צו קריטי־קירען דאָס געריכט. דאָס איז נישט אייער זאַך.

אַדוו. פּאַזאָווסקי: איך זעה, אַז דער פּראָקוראָר איז מילד צו די יודישע אָנגעקלאָגטע, און ספּע־ציעל מילד איז דער פּאָרזיצער צו די יודישע אַדוואָקאַטען.

איבערגעהענדיג צו זיין רעדע, זאָגט דער ענדעק, אַז

באָיקאָט איז נישט די אויפֿגאַבע פֿון איין פּאַרטיי

ווי די יודישע צייטונגען וועלען דאָס פֿאָרשטעלען, נאָר פֿון גאַנצען פּוילישען פֿאָלק. ער פֿאַלט דאַן אָן אויף אַדוואָקאַט שומאַנסקי, וועלכער האָט זיך ערלויבט צו פֿערגלייכען די געשעהענישען אין פּשיטיק צו די צאַרישע פּאָגראָמען. פּשיטיק, — זאָגט ער — איז נישט די ערשטע יודישע פּראָ־וואָקאַציע.

די יודען רעדען זיך איין, אַז מיט שרייען וועלען זיי איבערטרייסלען די וועלט.

פּונקט אַזוי ווי אין יריחו.

דער ענדעק פֿערגאַלאָפּירט זיך אַזוי אין זיין פּאַטאָס, אַז דער פּאָרזיצער רופֿט איהם צו אָרדנונג און בעט, אַז ער זאָל איינהאַלטען זיין טעמפּעראַמענט.

ער זאָגט ווייטער: די יודישע סטראַטעגיאַזשע און פּשיטיק האָבען געמיינט, אַז זיי האָבען דעם מאַגנאָפּאָל אויפֿ'ן האַנדעל. זיי האָבען זיך פֿערלאָזען אויף דער שטיצע פֿון אַלוועלטליכען יודענטום.

דער אורטייל, ענדיגט פּאַזאָווסקי, דאַרף צו־ריקשטעלען די רעכט פֿון די פּשיטיקער פּויערים אויפֿ'ן פּוילישען דאָרף

דערמיט האָט זיך פֿערענדיגט דער היינטיגער טאָג. מיטוואָך וועלען נאָך רעדען די רעשט אַדוואָ־קאַטען. דאָנערשטאָג וועלען וואַהרשיינליך פֿאָרקומען די רעפּליקעס, אַזוי אַז דער אורטייל קען שוין נישט דערוואַרט ווערען די היינטיגע וואָך. ס'איז מעגליך, אַז דער אורטייל וועט נאָך אַרויסגעטראָ־גען ווערען שבת, אָבער וואַהרשיינליכסטען איז, אַז ערשט קומענדיגען דינסטאָג, צוליב דעם, וואָס זונטאָג און מאָנטאָג זענען חגא־טעג.

ארץ־ישראל אין איצטיגען מאמענט

— 3 —

דער ארץ זבת חלב ודבש, וועלכע איז דורך יאהר הונדערטער איבערגעגאנגען פון האנד צו האנד, און איז צוליב די מלחמות פערוואנדעלט געווארען אין א מדבר האט זיך, צוזאמען מיט דעם יודישען רענעסאנס און איבע בעהמען דעם מאנדאט דורך ענגלאנד, אנגעהויבען צוריקצוקעהרען צו זיין פריהערדיגער העדליכקייט, אין יאהר 1917, ווען די טעטיגקייט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג איז געקרוינט געווארען מיט'ן דעם גרויסען די באלפור־דעקלאראציע, איז געקומען דער איבערברוך־מאמענט, ארץ ישראל, וועלכע איז קאלאניזירט געווארען דורך באראן ראטשילד פיקא, אנדערע קאלאניזאציע־געזעלשאפטען און בעזונדערס דורך דעם קרן־קימת, איז געווארען דאס געביט פון סיסטעמאטישען אויפבוי, אין אנהויב זענען הונדערטער חלוצים אויף פערשידענע לענדער און אונגעשטעלטע וועגען געקומען אין אלטען יודישען פאטערלאנד, כדי צו לעגען די גרענדשטיינער פון דער קומענדיגער נאציאנאלער היים, פון דער קומענדער יודישער מלוכה, די אפפערוויל בקיים פון די דאזיגע מענשען האבען בעוויזען אמתיע וואונדער, מדבריות און בלאטעס זענען ווי בעריהרט מיט א כישוף־שטעקעלע, פערוואנדעלט געווארען אין פירות־געבענדע טאלען און בערג. און הגם די ארבייט איז פארגעקומען אונטער דער שוץ פון בעוואפענטע שומרים, וועלכע האבען געהיטען די ערשטע ישובים פון אנפאלען מצד ווילדע, אראבישע בעדואינער און חורנער באנדעס, איז אבער דאס פרעהליכע ליד נישט אראפ פון זייערע ליפען. די שווערסטע טעג און די אומדאנקבארסטע לעבענס־בעדינגונגען זענען אדורך אונטערן צייכען פון ענטוזיאזם אין דער שעפערישער ארבייט.

די פרוכטען פון די דאזיגע חלוצה'שע אנשטרענגונגען זענען געווען קאלאסאלע, ווען מ'קוקט איצט פון די בערג און גלבוע אויף די הערליכע תבואה־פעלדער, אויף די פרדסים און וויין־פלאנטאציעס; ווען מען קוקט אויף די מוסטע־האפטע ישובים, קאלאניעס און קיבוצים, וואס זענען געדיכט צושפרייט איבערן גאנצען עמק, וועלכער טינקט זיך אין גריגס — רייסט זיך נישט ווילענדיג ארויס אן אויסגעשריי פון בעגייסטערונג און פע וואונדערונג.

די הערליכע פאלעסטינא פאנאראמע, וועלכע שפרייט זיך פונאנדער ביי די פוס פון די בערג אויף א מרחק פון איבער צעהן קוואדראט־קילאמעטער, האט זיך, דוכט זיך, פון דער צייט אן גארנישט געענדערט. לייגער דוכט זיך עס נאר, ווייל מען פאהרט אראפ מיט'ן אויטא איבער די מאלערישע בערג דורך די סערפענטין־וועגען צו די קאלאניעס און קיבוצים בית־אלפא, חפצי־בה, קבוצת החוגים, עין חרוד און תל־יוסף — שטעהען מיר מיט אונרוה און בעדויערען פעסט דעם פערנעהם פון די חורבונות וואס זענען געמאכט געווארען אין די לעצטע וואכען פון די בלוטיגע אונרוהען אין ארץ־ישראל פון דער ווייטענס האט מען נישט געקענט בעמערקען קיין שום בעזונדערס, איצט זעהען מיר פון דער נאהענט זעהר בולט די פאמעראנצען־ביימלעך, וועלכע זענען אונטערגעשניטען געווארען דורך די בארבארישע הענד פון די וואנדאלען, די וויין־ביימלעך, וועלכע זענען אויסגעריסען געווארען מיט די ווארצלען און ענדליך די שווארצע פעקילטע שטיקער פעלדער, וועלכע זענען אפגעראטעוועט געווארען דורך די קאלאניסטען פון א פולשטענדיגער פערניכטונג.

די אייטערדיגע וואונדען אויף דעם לעבעדיגען און בליהענדען ארגאניזם פון עמק, זענען דאס גרעסטע אומגליק פאר די חלוצים און קאלאניסטען. די גערטנער און פעלדער ,וועלכע זענען אויף די וויסטע שטחים פערוויהט געווארען מיט שוויס־און בלוט פון די חלוצים, וועלכע האבען געגעבען אזוי פיל האפנונג, זענען איצט געווארען דער ציל פון באנדיטישע אנפאלען, דאס איז א שרעקליכע טראגעדיע, קיינער פערליערט אבער נישט קיין טרעהרען און ווערט נישט פערצווייפעלט אויף דעם אנבליק פון דעם פערניכטענדען פערמעגען. מ'דארף העלדיש אויסדויערען אויפ׳ פאסטען, אפשטויסען דעם פיינד מיט געוועהר ביי די פיס, אויפ'ן וועג טרעפען מיר אין אפשניטען פון קילאמעטער קאלאניען־וואכען, די ברוינע קערפערס נישט נאר פון מענער ,נאר אויך פון פרויען, וועלכע זעהן מאדנע אויס מיט ביקסן אין די הענד אויף ווייסע אראבישע פערד בעוויזען, אז אלץ איז אויף דער וואך אין פולשטענדיגער צוגרייטונג, דאס אויג און אויער פון יעדער קאלאניע און פון יעדען קיבוץ זעען די וואכען, וועלכע זענען אויסגעשטעלט אויף די פערפעסטיגטע הויכע וואוינונגס־בנינים, אדער אויף די טורעמלעך פון די וואסער־רעזערוואוארען, פון א הויך פון די 4 און 5 שטאקעדיג; וואכען, אבסערווירען די שומרים די בעוועגונג. זעלטען אבער ווערט אין גלאז פון די לארנעטקע דערזעהן די געשטאלט פון אן אראבער, די אנפאלען קומען פאר געוועהנליך ביינאכט, ווען דאס אקעגענשטעלען זיך דעם פיינד איז בעשווערט, די אנפיהרונג פון די קאלאניעס און קיבוצים איז דערויף הילפלאז, מוז זיין צוגעגרייט אויף דעם ערנסטען. דעריבער ,גענייסט נישט דער קאלאניסט פון דעם פערדינטען שלאף נאך דער ארבייט פון א גאנצען טאג און דעם היידען מזרח־קלימאט, נאר זעצט זיך ארויף אויפ'ן פערד און פאטראלירט די גרעניצען פון דער קאלאניע, נישט איין אנגריף איז אפגעשלאגען געווארען מיט ערפאלג, אין דער אקציע נעהמט אנטייל נישט נאר דער קאלאניסט ,נאר אויך זיין

פון אונזער ספעציעלען שליח סט. געלבארד

פאמיליע, א גרויסע הילף אין די שרעקליכסטע נעכט זענען אויך געווען די קינדער פון 14 ביז 16 יאהר. די יוגענד האט אויסגעפיהרט די פונקציעס פון פערבינדער, סיגנאליזאטארען, פון אמוניציע־צושטעלער א. א. וו.

מיר רעדען מיט א חלוץ וועגען דער לאגע, מיר פרעגען וועגען דעם זעלבסט־געפיהל פון די קאלאניסטען און ער ענטפערט.

— סיוועט אפשר קלינגען נישט זו זהרשיינליך, אבער גלויבט מיר, אז אין פערלויף פון לעצטען חודש שלאפען אונזערע מענשען צו צוויי ביז דריי שעה א מעת לעת, בייטאג מוז מען ארבייטען, ביינאכט שטעהן אויף דער וואך. מיר טארען נישט פערנאכלעסיגען אונזערע ווירטשאפטען, יועלכע זענען נישט נאר דער קוואל פון אונזער עקזיסטענץ, נאר אויך דער פונדאמענט פון יודישען אויפבוי אין ארץ־ישראל, מיר ווילען נישט אפטרעטען אונזער ערד דעם שלעכטען און אייפערזיכטיגען איינוואוינער פון דער מדבר. אונזער געוועהר איז די אגראר־קולטור און די מערב־קולטור בכלל און איגע' מעטאדע איז אויסדויער און אמביציע, מיר ווילען זיך נישט אונטערגעבען דער פערפלייצונג פון דער מדבר, מיר האבען שטענדיג געלעבט בשלום מיט'ן אראבישען שכן און מיר זענען שטאלץ דערפון, וואס אונזע'ע מוסטערהאפטע ווירטשאפטען האבען געלערנט און דער הויבען זיין לעבענס־ניוואו. און איצט איז געקומען זייער שווארצע אונדאנקבארקייט, קוים מיט 12 שעה צוריק איז אונזער קיבוץ (תל־יוסף) געווען דאס געביט פון א שרעקליכע שיסעריי. די אראבער האבען אונז אוועגגעריסען פון 3 זייטען, און דאס פון די בערג. און, הגם אין דער קאלאניע איז נישט ג ווא קיין מיליטער און קיין פאליציי, האבען מיר זיך פערטיידיגט זעהר גוט און אפילו בעסער און... בעקוועמער

(ווייטער מארגען)

געשעהענישען אין ארץ־ישראל

פאר טעמע א נידערטרעכטיגער ארויסטריט געגען יודען אין מאסקווע

דער אמאליגער קארעספאנדענט פון דער „גאזעטא פאלסקא" אטמאר, וועלכער איז בשעתו ארויס געווארפען געווארען פון ראטען־פערבאנד פאר זיינע פיינדליכע קארעספאנדענצען, וואס ער האט פערעפענטליכט אין דער „גאזעטא פאלסקא" וועגען ראטען־פערבאנד. נוצט איצט אויס יעדע געלעגענהייט אנצוגרייפען דאס לאנד, וואס איז זיך מיט איהם אזוי נישט דזשענטעלמעניש בעגאנגען. ראטען־פערבאנד איז ביי אטמאר, אגב א געשמד'טער ייד, געווארען א אידעע־פיקס. נישט פאראן קיין אומגליק אויף דער וועלט, אין וועלכען אטמאר זאל נישט בעשולדיגען ראטען־פערבאנד. אויך אין די אראבישע מעהארישישע אקטען אין ארץ־ישראל, זעהט אטמאר די האנד פון מאסקווע. און אין דער נעכטיגער „גאזעטא פאלסקא" ווידמעט ער דער פראגע אן ארטיקעל.

מיר וועלען זיך נישט אריינלאזען אין א דיסקוסיע וועגען דעם צי אטמארס בעהויפטונג וועגען מאסקוועס אנטייל אין די געשעהענישען אין ארץ־ישראל איז א ריכטיגע אדער נישט, אבער א פאקט איז, אז דער גאנצער ארטיקעל אטמארס איז א נידערטרעכטיגער פאשקוויל אויף יודען, אין דאס און די יודען אין דער גאנצער וועלט. דער דאזיגער משומד בעשולדיגט די יודען א חוץ די גרעניצען פון ראטען־פערבאנד, אז זיי זענען פראסאוויעטיש און גלייכצייטיג מאכט ער א פארוואורף די יודען אין ראטען־פערבאנד, אז זיי זענען נישט קיין כשר'ע קאמוניסטען.

העדענדיג וועגען דער „פראאראבישער שטעלונג פון „קאמאינטערן" שרייבט:

„די דאזיגע „פראאראבישע" שטעלונג פון קאמינטערן קען אויסזעהען וואונדערליך אויפן פאהן פון די בעקאנטע פילאסאוויעטישע און פראקאמוניסטישע שטימונגען צווישען די מעהרהייט יודען, וואס וואוינען מחוץ די גרעניצען פון ראטען־פערבאנד. און דאך איז עס אזוי. די האנד מאסקוועס אין די לעצטע אונרוהען אין פאלעסטינא איז קלאר און דייטליך".

אטמאר רעכענט דאן אויס צווישען די סיבות, פאר וואס מאסקווע פיהרט אזא פאליטיק דער פאקט, ווייל „פאלעסטינא איז א דראהענדע קאנקורענץ, קודם פון אידעאלאגישער נאטור פאר דער „יודישער סאציאליסטישער אויטאנאמער רעפובליק" אין בירא־בידזשאן. און א חוץ דעם פון שטאנדפונקט פון דער סאוויעטישער אינערליכער פאליטיק — ראטען־פערבאנד האט ביז דריי מיליאן יודען (1,7 פראצענט פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונגס־צאהל) דאטעגען עטליכע מיליאן מאהמעדאנישע בעפעלקערונג, וועלכע נישט־קוקענדיג אויף דער אנטי־רעליגיעזע אקציע איז זי דאך שטארק צוגעבונדען צום איסלאם.

„און ענדליך — להיפוך צו דער אלגעמיין אנגענומענער מיינונג — איז די בעציהונג פון די סאוויעטישע יודען צום „סאציאליסטישן פאטערלאנד" גארנישט אזא אידעאלע, נישט קוקענדיג אויף דעם לחלוטין נישט פראפארציאנעלע פערנעהמען סאוויעטישע אמטען דורך דעם דאזיגען עלעמענט".

„די רוסישע יודען — שרייבט ווייטער אטמאר — האבען זיך אין אנהויב בעציגען זעהר פאזיטיוו צו דער רעוואלוציע — אבער נאך דעם פערהעלטנישמעסיג שנעלען, זיך אנזעטיגען מיט דער אנגעזאמעלטער דורך יאהרהונדערטער „חשק צו מאכט" — האט זיך גאנץ בולט אנגעהויבען אנ'ענטוישונג. און נעמליך דער „חשק פון געלד און גוט לעבען" האט זיך ארויסגעוויזען שטארקער פאר דער „חשק צו מאכט" — נאכמעהר, וואס די מעגליכקייט צו מאכען א גרויסע קאריערע האט זיך אייגענטליך געענדיגט מיט נוהאצקים פערטרייבונג און סטאלין האט אנגעהויבען אין דער פערסאנאל פאליטיק א מין „אסעמיטיזם". זינט דאן האט די סאוויעטישע מלוכה אויפגעהערט צו זיין צום דינסט פון די יודען — דאנעגען זענען די יודען אפט (אויך די אויסלענדישע) געווארען א כלי־זיין פון דער סאוויעטישער פאליטיק. עס אונטערליגט אויך נישט קיין ספק, אז אין שייכות מיט די „נאציאנאליסטישע מאנעווערעס" פון קרעמל, וואס רופט ארוים א פולשטענדיגע אויפריכטיגען נאציאנאליזם ביי די מאסען — וועלכע די יודישע השפעות אין ראטען־פערבאנד פערקלענערען.

„וואס שייך די יודען — סאוויעטישע בירגער־אין פערשטענדליך, אז זיי קענען זיך נישט — נישט קוקענדיג אויף דער „פולשטענדיגער גלייכבערעכטיגונג", און אויב עס האנדעלט זיך וועגען פאסטענס — אפילו פריווילעגיעס — גוט פיהלען אין לאנד אין וועלכען מען טאר נישט האנדלען, דאנגען דארף מען שווער ארבייטען פאר זעהר א נידריגען לוין. עס איז אויך כאראקטעריסטיש דער במעט הונדערט פראצענטיגער פערזאנאלער צוזאמענשטעל פון דער „טראצקיסם" — זינאוויעוויש אפאזיציע".

אבער אויף אזעלכע „ענטוישונגען" האט די סאוויעטישער רעזשים זעהר ווירקזאמע מיטלען, וואס צווינגט די „ענטוישטע" נישט נאר גוט זיך צו מאסקירען — נאר אפילו צו א שרייבערישער מאנפעסטירונג פון ענטוזיאזם און אייפער".

ווייטער שרייבט אטמאר, אז די ראטען־רעגירונג אונטערדריקט אפיציעל דעם אנטיסעמיטיזם, אבער זי קען איהם נישט אויס און האלט איהם גרייט צו קענען זיך מיט איהם בעניצען צו יעדע צייט:

„די סאוויעטישע יודען נימען זיך גוט אפ א חשבון פון דערפון, אז די רעגירונג קען צו יעדע צייט נאכגעבען די עלעמענטארע שטימונגען פון רוסישע מאסען, וואס זענען אנטיסעמיטיש. דער בעך זיפצען זיי שווער און דינען דעם רעזשים טריי, אייפריג און מיט ענטוזיאזם". עס איז הדר ביי נישט אויסגעשלאסען, אז זיי זיפצען צו די צעדערס פון לבנון. אין דערין שטעקט מאקע נאך איין סיבה פון די „פאנאראבישע" פאליטיק אין פאלעסטינא".

אויף אזא מנובל'דיגען אופן נוצט אויס משומד די געשעהענישען אין ארץ־ישראל אנצושרייבען א פאשקוויל סיי אויף יודען אין דער גאנצער וועלט ווי אויך אויף די יודען אין ראטען־פערבאנד

„ר. ר."—די געהיימע נאציאנאל־סאציאליסטישע ארגאניזאציע וואס בעקעמפט דעם היטלעריזם

אין דער „נ. ווו. ב." איז פערעפענטליכט פאלגענדער ארטיקעל: „שוין מיט א צייט צוריק האבען אין דייטשלאנד קורסירט קלאנגען, לויט וועלכע עס זאל זיין טעטיג א געהיימע טעראריסטען ארגאניזאציע, וואס פיהרט א קאמף געגען דעם היטלער־רעזשים: די „רעכער רעהמס" (נקמה־נעהמער פאר רעהמען). „ר. ר.", דאס זענען די איניציאלען, וואס מען פלעגט געפינען אויף דעם ארט פון נישט אויפגעקלערטע אטענטאטען.

אין אויסלאנד האט מען נישט געקאנט נאכקאנטראלירען וויפיל אמת ס'איז פאראן אין די דאזיגע קלאנגען. אפשר ערגעצוואו זעהט אויס, אז די „רעכער רעהמס" הויבען אן צו שפילען א אלס גרעסערע ראלע" — צי אין דער ווירקליכקייט אדער אין דער פאנטאזיע פון היטלערס אונטערגאנג און אין די שרעק־חלומות פון דער רעגירונג אליין. אויסלענדישע צייטונגען האבען אין די לעצטע וואכען געגעבען בעריכטען איבער דער דאזיגער פערשווערער גרופע. עס זעהט אויס, אז שוין איצט קען קיין אויסלענדישער אבסערוואטאר אין דייטשלאנד זיך נישט אריינלאזען אין א פערטרויליך געשפרעך, אז ער זאל באלד נישט הערען וועגען „רעכער רעהמס".

עס קען נישט פערוואונדערען, אז די שרעקליכע נאכט פון 30. יוני זאל האבען איבערגעלאזט נאך זיך נעשפענסטער, וואס שפאצירען ארום אין דייטשלאנד און עס איז גאנץ זיכער, אז די דאזיגע געשפענסטער זענען פון בלוט און פלייש און אפילו אנגעטאן אין ס. א. אדער ס. ס. אוניפארמען. דאן דעם 30 יוני, זענען ווי בעוואוסט דייטשלאנד געווארען נישט נאר רעהם און זיין קליקע, נאר אויך מאסען „אלטע קעמפער" געגען וועלכע עס איז נאר געווען דער קלענסטער חשד פון פלאטאנישער סימפאטיע צו רעהמס ריכטונג. אבער די דאזיגע פארטאלאמעאוס נאכט איז געווען אזא באאמטישע, אז עס איז זיכער נישט געלונגען דעם נאציען קריגס־פלאן אדורכצופיהרען. היינט ווייסט מען שוין, אז א סך פאקטיי חברים, וואס זענען דעם 30. יוני געפאלען קרבנות. האבען נישט געהערט צו רעהמס פריינד, נאר להיפוך זיי זענען נאר געווען זיינע געגנער. עס איז דעריבער גאנץ וואהרשיינליך צוליב „פערזעהען" זענען חשמאלט געבליבען לעבען א סך רעהמס אנהענגער און זיי זענען אפילו געבליבען ביי זייערע פונקציעס, זייער אוניפארמען און זייער געוועהר. פונק מאזוי איז דעם 30. יוני נישט געלינגען פולשטענדיג אויסצוהאמען אלע פערזענליכע שונאים פון געבעלס'ן און גערינג'ן, געגען וועלכע עס עקזיסטירט שוין זייט לאנג אין דער פארטיי אן אפאזיציע פיל מיט שנאה. פון די דאזיגע גרופען, וואס זענען דעם 30. יוני צוליב „פערזעהען" געבליבען לעבען, רעקרוטירען זיך די „רעכער רעהמס".

אבער וואהרשיינליך זענען נישט נאר די גרויזאמקייט און אונרעכט פון דער נאכט פון 30. יוני דער אידעאלער מאטיוו צו נעהמען נקמה, וואס ערקלערט די עקזיסטענץ פון נאציאנאל־סאציאליסטישע היטלער־פיינדליכע טעראריסטישע גרופען. עס זענען אלץ פערהאן א גרויסע צאהל „אלטע קעמפער", וועלכע זענען בע'עוולה'ט געווארען ביים פערטיילען פון פאסטענס און כבודים, אין וועלכע עס געהט איצט פונקט אזוי שלעכט אדער אפשר נאך שלעכטער ווי אמאל. אויך צווישען די דאזיגע אונצופרידענע, וואס זענען אין דער בעזייטיגונג פון רעהמען די סיבה פון זייער אומגליק, רעקרוטירען זיך די מיטגלידער פון דער געהיימער ארגאניזאציע פון די „רעכער רעהמס".

עס איז שווער פעסטצושטעלען אין וואס פאר א אומפאנג די „רעכער רעהמס" האבען ביז איצט געפיהרט זייער ארבייט. מ'דערצעהלט זיך אין דייטשלאנד, אז אלס ערשטע קרבנות פון די „רעכער" זענען געפאלען פונקציאנערען פון דער ס. א. און ס. ס., וואס האבען זיך בעטייליגט אין די עקזעקוציעס פון 30. יוני. אין דער אויסלענדישער פרעסע איז לעצטענס געווען א ידיעה, אז מיט א קורצער צייט צוריק איז א געשטאפא בעאמטער, א געוויסער ד"ר פאטשקאווסקי דערשאסען געווארען דורך די „רעכער רעהמס", היינטער בערלין. אזוי זאל אין היטלערס ליבליכער שאפער, א געוויסער שרעק וועלכער איז מיט איינ'ס וואכען צוריק בעגראבען געווארען מיט כבוד פון א נאציאנאלען העלד, אין זיין געפאלען א קרבן פון די „רעכער רעהמס". מ' שמועסט אפילו, אז דער אטענטאט זאל זיין געווען געווענדעט נישט געגען דעם שאפער, נאר געגען דער הויכען הער. ווי עס זאל אבער נישט זיין: אזעלכע קלאנגען וואלטען אין דייטשלאנד נישט געקענט שפרייט ווערען ווען די ברייטע עפענטליכקייט וואלט נישט געהאט פעסטגעשטעלט די עקזיסטענץ און טעטיגקייט פון די „רעכער רעהמס".

אין דער דייטשער פרעסע איז פערשטענדליך קיין ווארט נישט פערהאן וועגען די „רעכער" און זייערע מעשים. עס ווערט דארט פונקטליך אויסגעפיהרט געבעלס בעפעהל מיט קיין איין ווארט נישט צו דערמאנען רעהמען און די דאטע פון 30 יוני. אויפפאלענד זענען אבער די אפטע ידיעות איבער „אומגליקספאלען", בעת וועלכע מיטגלידער פון ס. א. ס. ס. פערלירען זייער לעבען. אין די לעצטע וואכען האט למשל אנ'איינציגער נומער פון ס. ס. ארגאן „דאס שווארצע קארפס" ענטהאלטען 5 נעקראלאגען פון ס. ס. פונקציאנערען, וואס האבען ביי „אומגליקס־פאלען" פערלוירען זייער לעבען. ביי קיין איינעם פון זיי איז נישט געווען אנגעגעבען דער ארט פון דעם „אומגליקספאל" — א זעהר פערדעכטיגע דיסקרעציע. עס איז דעריבער גאנץ מעגליך, אז די דאזיגע טויטליכע „אומגליקס־פאלען" זענען א רעזולטאט פון דער טעטיגקייט פון די „רעכער רעהמס".

פראנצויזישע רעגירונג וועט זיך ספעציעל נישט בעטייליגען אין דער בערלינער אלימפיאדע

פאריז (יט"א) האלב אפיציעל ווערט מיטגעטיילט, אז די פראגע פון אפיציעלען אנטייל פון א רעפרעזענטאנץ פון די פראנצויזישער רעגירונג אין דער בערלינער אלימפיאדע איז קיינמאל נישט בעריהרט געווארען. אין פארלאמענט ווערט דאגעגען ארייבגעטראגען א געזעץ ,וואס זעהט פון סובווענציען פאר די פראנצויזישע אנטיילנעמער ביי אין די בערלינער אלימפיאדע און סיי א דער ארבייטער אלימפיאדע אין באצעלאן.

טויט-אורטייל אין ווילנע

סענסאַציאָנעלער פּראָצעס אין ווילנער קרייז-געריכט

אין ווילנער קרייז־געריכט איז פֿאָרגעקומען דער סענסאַציאָנעלער פּראָצעס געגן דעם ווייס־רוסישן אַרבעטער סערגיי פּריטיצקי, וועלכער האָט דעם 27־טען יאַנואַר ד. י. געשאָסן אין געריכט צו דעם געוועזענעם אינסטרוקטאָר פֿון צ. ק. פֿון קאָמפּאַרטיי און פּאָליציי־קאָנפֿידענט יאַקאָב סטרעל־טשוק.

ביים קאָנטראָלירן די פּערסאָנאַליען ווערן מיר געוואָהר, אַז סערגיי פּריטיצקי איז געבוירן געוואָרן אין 1913 אין דאָרף האָרקאַוויטשע, סאָ־קאָלקער פּאָוויאַט, נישט ווייט פֿון גראָדנע. ער איז אַן ערד־אַרבעטער, אַ פּוילישער בירגער, געענדיקט 4 קלאַסן פֿאָלקס־שול. אויף דער פֿראַגע וועגן רעליגיע ענטפֿערט ער: קאָנפֿעסיאָנסלאָז. דער פֿאָר־זיצער פֿרעגט איהם דאָן, וואָס פֿאַר אַ רעליגיע איז ביי איהם אָנגעגעבן אין דער מעטריקע. ער ער־קלערט, אַז ער ווייסט נישט, נאָר מסתמא איז דאָר־טען אָנגעגעבן פּראַוואָסלאַווע מחמת זיין פֿאָ־טער איז אַ פּראַוואָסלאַווער.

געריכטליך איז ער נישט געווען פֿערמשפּט. פֿון די פֿראַגעס פֿון פּראָקוראָר ווערט קלאָר, אַז אין 1933 איז ער געווען אַרעסטירט אַלס מיטגליד פֿון דער קאָמפּאַרטיי, ער איז אָבער שפּעטער באַפֿרייט געוואָרן און די אויספֿאָרשונג איז געגען איהם איי־בּגעצען בטל געוואָרן צוליב מאַנגעל פֿון באַווייזען

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פֿון די 20 אַרויסגערופֿענע עדות האָבן זיך 3 נישט געשטעלט, אין דעם אויך דער עדות סטרעלטשוק.

דער בעשולדיגונגס־אַקט דערציילט אין אָנהויב, ווי אַזוי סטרעלטשוק איז דעמאַסקירט געוואָרן.

אין אָנהויב 1935 באַכדעם ווי צווישען די קאָמוניסטישע גרופּעס... קאָמוניסטישער זענען דורכגעפֿיהרט געוואָרן אַ סך אַרע־סטען און ס׳זענען איינגעזעצט געוואָרן כמעט אַלע אָנפֿיהרער פֿון דער קאָמפּאַרטיי, האָט מען אין דער פּאַרטיי אָנגעהויבן זוכען די סיבות פֿון די אַרעסטען דער חשד איז געפֿאַלען אויפֿ׳ן אינסטרוק־טאָר פֿון צ. ק. יאַקאָב סטרעלטשוק.

מען האָט דאַן סטרעלטשוקען איבערגעפֿיהרט פֿון בריסקער ראַיאָן קיין ווילנע, וואו ער האָט זיך געדאַרפֿט מעלדען צו איינעם מיט׳ן פּסעוודאָנים „פּיעטקאַ״, דער דאָזיגער פּיעטקאַ האָט סטרעלטשוקן געמאָלדען, אַז ער ווערט געשיקט קיין ראַטען־פֿער־באַנד אויף צו פֿערפֿולקומען זיך אין דער אַרבייט. פֿון פּיעטקאַס קול און מימיק האָט סטרעלטשוק דערקענט, אַז קיין ראַטען־פֿערבאַנד שיקט מען איהם נישט צוליב אַרבייט, נאָר כדי מען זאָל איהם דאָרטען משפּטן און ווייסנדיג מיט וואָס אַזאַ משפּט שמעקט, האָט ער בעשלאָסען דעם פּאַרטיי־בעפֿעהל נישט אויסצופֿיהרען.

אין דער זעלבער צייט האָט די אויספֿאָרש־מאַכט אין בריסק בעקומען קאָנפֿידענציאָנעלע ידיעות, אַז אויף סטרעלטשוקן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ טויט־אורטייל.

דעם 4־טען מערץ 1935 איז סטרעלטשוק געוואָרען אַרעסטירט אין ווילנע אויף אַן אומלעגאַלער דירה. ער האָט דאַן אין ברייטע ערקלערונגען איבער געגעבען פֿאַר דער אויספֿאָרש־מאַכט אויספֿיהרליכע ידיעות וועגן דער טעטיגקייט פֿון די אָנגעזעהענסטע קאָמוניסטען אין פּוילען. אין שייכות מיט סטרעלטשוקס דאַמאָלסטיגע ערקלערונגען זענען דורכגעפֿיהרט געוואָרן אַרעסטען. די אַרעסטירטע האָבען פֿון טור־מע געלאָזט וויסען אויף דער פֿריי, אַז סטרעלטשוק איז אַ פּראָוואָקאַטאָר און אַז זיי אַלעמען האָט אַרויס געגעבען סטרעלטשוק.

אין מאַי 1935 האָט אין דעם אומלעגאַלען קאָמוניסטישען אָרגאַן זיך בעוויזען אַ קאָמוניקאַט, אַז יאַקאָב סטרעלטשוק דער זוהן פֿון אַ קולאַק פֿון דאָרף קושיווע איז אַ פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען דער פּוילישער דעפֿענסיווע אַ סך קאָמוניסטישע טוער.

ווייטער ווערט דערציילט אין בעשולדיגונגס־אַקט ווי מיטגלידער פֿון דער קאָמפּאַרטיי האָבען גע־זוכט אויסצוגעפֿינען סטרעלטשוקן. אין ביאַליסטאָק איז געמאַכט געוואָרען אַ פּרוב צו דערהרגענען סטרעלטשוקן. ס׳זענען אין שייכות מיט דעם דאַן דורכגעפֿיהרט געוואָרען אַרעסטען. אין יאַנואַר 1936 האָט די פּאָליציי בעקומען ידיעות, אַז די קאָמפּאַרטיי האָט בעשטימט אַ גרעסערע סומע אויף דורכצופֿיה־רען דעם טויט־אורטייל איבער סטרעלטשוקן.

פּריטיצקי האָט — לויט׳ן בעשולדיגונגס־אַקט — נאָך אַלס 16־יאָהריגער בחור אין יאָהר 1928, ווען ער איז נאָך געווען אַ שילער פֿון דער פֿאָלקס־שול, שוין געאַרבייט אין דער קאָמפּאַרטיי. אין יאָהר 1929 האָט פּריטיצקי אוואַנסירט און איז בע־שטימט געוואָרען אַלס סעקרעטאַר פֿון אַ קאָמערל. אין יאָהר 1932 איז פּריטיצקי אַ מיטגליד פֿון ראַ־יאָן קאָמיטעט פֿון קאָמפּאַרטיי. שפּעטער ווערט ער שוין בעשטימט אַלס פֿערוואַלטער פֿון דער טעכ־ניק אין גראָדנער קרייז־קאָמיטעט.

דעם 9־טען יוני 1932 איז פּריטיצקי פֿער־האַלטען געוואָרען אין יעזיאָר ביי גראָדנע. אין יוני 1933 האָט מען איהם אָבער צוריק אַרויסגעלאָזען. פּריטיצקי איז דאַן אַוועקגעפֿאָהרען פֿון זיין גע־בורטס־דאָרף האָרקאַוויטש און זיך דאָרטען נישט געוויזען ביז זיין לעצטען אַרעסט. לויט די ידיעות וואָס די פּאָליציי האָט בעקומען האָט ער זיך אַ צייט געפֿונען אין ראַטען־פֿערבאַנד, וואו ער האָט דורכ־געמאַכט אַן אינסטרוקטאָרען־קורס פֿאַר קאָמוניסטען. וועגען דעם זענען געווען בריף פֿון פּריטיצקין צו זיינע עלטערען און אויך ידיעות פֿון קאָנפֿידענציאָ־נעלע קוועלען.

מיט דריי טעג פֿאַר׳ן אַטענטאַט אויף סטרעל־טשוקן איז פּריטיצקי אויך געווען אין זאַל בעת אַ פּראָצעס מיט סטרעלטשוקן אַלס עדות.

דער בעשולדיגונגס־אַקט וואַרפֿט פּריטיצקין פֿאָר 3 פֿערברעכענס: אַז ער איז געווען אַ מיטגליד פֿון דער קאָמפּאַרטיי; אַז לויט׳ן אויפֿטראַג פֿון דער דאָזיגער פּאַרטיי, וועלכע האָט אַרויסגעגעבען אויף סטרעלטשוקן אַ טויט־אורטייל, האָט ער דעם 27־טען יאַנואַר 1936 געשאָסען אין געריכט אין קאָנפֿי־דענט סטרעלטשוק כדי איהם צו הרגענען און אַז אַנטלויפֿענדיג האָט ער געשאָסען אין געהיים־אַגענט דיינאַווסקי, וועלכער האָט איהם געוואָלט פֿערהאַלטען.

פּריטיצקי איז זיך נישט מודה אין געהערען צו דער קאָמפּאַרטיי און ממילא פֿאַלט שוין אויך אָפּ דער פֿאָרוואָרף פֿון וועלען דערהרגענען סטרעל־טשוקן אין שליחות פֿון דער פּאַרטיי. ער איז אויך זיך נישט מודה אין שיסען אין געהיים־אַגענט דיי־נאַווסקי. ער איז זיך נאָר מודה אין וועלען דערהרגע־נען סטרעלטשוקן. דאָס האָט ער אָבער געטון לויט זיין אייגענער איניציאַטיווע, ווייל סטרעלטשוק איז אַ פּראָוואָקאַטאָר און אַ פֿעררעטער פֿון דער אַרביי־טער־זאַך.

ביים שיסען — גיט דער אָנגעקלאָגטער ווייטער איבער — איז ער געווען זעהר פֿאָרזיכטיג און שטאַרק אַכטונג געגעבען ער זאָל נישט טרעפֿען קיין זייטיגע מענשען. ער איז צו זייער נאָהענט צו סטרעלטשוקן און געשאָסען אין איהם — פֿון אונטען אַרויף, אַזוי אַז אויב וועלכע ס׳איז קויל וועט סטרעלטשוקן נישט טרעפֿען זאָל זי גיין צום סופֿיט און נישט טרעפֿען קיין אומשולדיגען מענשען צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַזוי פֿאָרזיכטיג, קען זיין, איז סטרעלטשוק געבליבען לעבען.

נאָכ׳ן שיסען צו סטרעלטשוקן — דערציילט פּריטיצקי — איז ער אַנטלאָפֿען, ווען ער איז שוין געווען אונטען ביים אַרויסגאַנג האָבען איהם גע־טראָפֿען אייניגע קוילען. פּריטיצקי אַליין האָט מעהר נישט געשאָסען. ווען מען האָט איהם אַרי־בערגעטראַגען אין אויטאָ פֿון דער „גיכער הילף״ האָט ער זיך אויפֿגעהויבען און אויסגעשריען: זאָל לעבען די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין פּוי־לען! אין ראַטען־פֿערבאַנד איז ער קיינמאָל נישט געווען און ממילא פֿאַלט שוין אָפּ די מעשה וועגען דורכמאַכען דאָרט אַן אינסטרוקטאָרען־קורס די גאַנ־צע צייט זינט ער איז געוואָרען בעפֿרייט פֿון גראָד־נער טורמע איז ער אַרומגעפֿאָהרען איבער פֿערשי־דענע דערפֿער און געזוכט אַרבייט. ער האָט פֿערדינט פֿון 80 גר. ביז אַ גילדען אַ טאָג. פֿון די אַרבייטער האָט ער זיך אָנגעהערט וועגען סטרעלטשוקן, וועל־כער האָט פֿערראַטען די אַרבייטער־זאַך. ער האָט בע־

אַביסעלע קיביץ

(הומאָר פֿון טאָג)

קיילע: ווען מיין מאַכטער געהט צו דער אַרבייט קוקען איהר אַלע נאָך

ביילע: אַזאַ שעהנע מיידעל איז זי דאָס?

קיילע: ניין, זי טוט אָן דעם הוט אויפֿן לינקען זייט, און איין זאָק פֿערגעסט זי אַלע מאָל אָנצוטאָן.

* * *

מלאך: ווער זענט איהר, ר׳ יוד?

נשמה: אַ לאָדזשער מגב.

מלאך: פֿאַרוואָס ווילט איהר אַריין אין גן עדן?

נשמה: איך האָב געהאַט אַ גוטע שטימע און נישט געוואָרען קיין חזן...

* * *

ערשטער: איך היט זיך אַ גאַנצע וואָך די ביינער.

צווייטער: ווער סטראַשעט דאָס דיך צו צוברעכען די ביינער?

ערשטער: וואָס סטראַשעט, ווען סטראַשעט, מיין ווי־דענע זאָל געזונט זיין, קאָכט שבת פֿיש מיט ביינער. נו, היט איך זיך פֿאַר די ביינער.

שלאָסען זיך אָן איהם נוקם צו זיין. פֿון די אַרביי־טער האָט ער זיך אויך דערוואוסט, אַז דעם 27־סטען יאַנואַר דאַרף סטרעלטשוק זיין אַן עדות אין ווילנער געריכט איז ער געפֿאָהרען קיין ווילנע און האָט געשאָסען.

נאָך׳ן לייענען סטרעלטשוקס ערקלערונגען זע־נען אויסגעהערט געוואָרען די עדות, צווישען וועל־כע ס׳זענען געווען דער ריכטער בזשאָזאָוסקי (גע־ווען פֿאָרזיצער פֿון פּראָצעס בעת׳ן אַטענטאַט), אויס פֿאָרש־ריכטער שעלקין, אדוו. טשערניכאָוו, שעף פֿון פּאָליטישער פּאָליציי בלעסמאַנאָוויטש און אַ רייה אַנדערע.

נאָך די רעדעס פֿון פּראָקוראָר און פֿערטיי־דיגער איז אַ זייגער פֿינף פֿאַרנאַכט נאָך אַ קורצער בעראַטונג געלייענט געוואָרען דער פּסק־דין: פֿאַר אָנגעהערען צו דער קאָמפּאַרטיי — אויף 15 יאָהר טורמע; פֿאַר וועלען שיסען סטרעלטשוקן — טויט דורך הענגען; פֿאַר שיסען אין געהיים־אַגענט דיי־נאַווסקי — אויף 10 יאָהר טורמע. פֿאַר אַלץ צו־זאַמען — טויט־שטראָף.

אין די מאָטיווען האָט דאָס געריכט אָנגעוויזען, אויף דעם הויכען גראַד פֿון שלעכטען ווילען, וואָס האָט בעוויזען דעם אָנגעקלאָגטען צו זיין טאַט.

פּריטיצקי האָט דעם אורטייל אויסגעהערט רוהיג, רויט ווערענדיג אַביסעל.

דער אַדוואָקאַט דוראַטש האָט אָנגעקינדיגט אַן׳אַפּעלאַציע.

וו. ט.

אימפּאָזאַנטער פּראָטעסט־מיטינג אין קראָקא געגען אַנטיסעמיטיזם

קראָקא (יט״א) נאָכדעם, ווי עס זענען פֿער־ענדיגט געוואָרען די בעראַטונגען פֿון דעם צוזאַ־מענפֿאָהר פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון צענטראַלען יודישען האַנדווערקער־פֿערבאַנד אין פּוילען, איז אויפֿ׳ן הויף אין לאָקאַל פֿון האַנדווערקער־פֿעראיין אין קראָקא, פֿאָרגעקומען אונטערן פֿרייען הימעל אַ גרויסער מיטינג, געווידמעט די אַקטועלע האַנדווער־קער־פֿראַגען.

דער מיטינג איז ספּאָנטאַניש פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע געגען אַנטיסעמיטיזם מיט אַ אָנטייל פֿון אַ 1000 קע־פּיגען עולם.

מיט רעדעס זענען אַרויסגעטרעטען דער פּר״ע זעס פֿון צ. ק. ה׳ מאָריצי פֿישער, פּרעזעס פֿון עקזעקוטיוו אַדוואָקאַט י. ווייצמאַן, וויצע־פּרעזעס אַדוואָקאַט מ. סוריק, עקזעקוטיוו מיטגליד מגר. באַלבערישסקי, פּרעזעס פֿון האַנדווערקער־פֿעראיין אין ביאַליסטאָק ה׳ מיעלניצקי, וויצע־פּרעזעס פֿון האַנדווערקער־פֿעראיין אין קראָקא ה׳ גאָלדפֿאַרב. אַלע רעדנער האָבען געשילדערט די איצטיגע טרויעריגע לאַגע פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג אין פּוילען בכלל און פֿון יודישען בעל־מלאכה בפרט.

די רעדנער האָבען בעטאָנט, אַז קיין שום פֿערפֿאָלגונגען, באָיקאָטען און אָנפֿאַלען וועלען נישט זיין בכוח צו צווינגען די יודען פֿון פּוילען צו פֿערלאָזען זייערע פּאָזיציעס. דער קאַמף פֿאַר פֿולע יודישע רעכט אין פּוילען וועט פֿאָרטגעזעצט ווערען מיט נאָך אַ פֿערגרעסערטער ענערגיע. די פּוילישע יודען וועלען נישט ערלויבען, אַז מען זאָל זיי בעטראַכטען אַלס אַ צופֿעליגען, פֿרעמדען עלעמענט. די טויזענד יאָהר, אין משך פֿון וועלכע די יודען לעבען אין פּוילען, האָבען זיי גענוג צוזויפֿ־געבונדען מיט׳ן לאַנד. די רעדנער האָבען אויס־געדריקט זייער גלויבען, אַז אַ גרויסער טייל פֿון פּוילישען פֿאָלק טאַדעלט די פֿערפֿאָלגונגען גע־גען יודען. דער יודישער בעל־מלאכה וועט צו־זאַמען מיט די פּראָגרעסיווע עלעמענטען פֿון פּוי־לישען פֿאָלק קעמפֿען פֿאַר אַ בעסער און גליקלי־כער פּוילען.

נאָך די רעדעס זענען אָנגענומען געוואָרען אַ רייהע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס געגען אַנטיסעמי־טיזם. דער מיטינג האָט אויף די פֿערזאַמעלטע געמאַכט אַ קאָלאָסאַלען רושם.

ר. מלאַך

דאַן־דאַמינגאַ

ראָמאַן

104

די „יונגען״ די חברים זיינע, מיט די ווייבלעך זייערע מיט קינדער און זויג־קינדער זענען געזעסען צעזעצט אין זיין צימער, אויף „טאַבוראַטקעס״, אויף בענק און אויף די ראַנדען פֿון דעם בעט, האָבען גע־שיילט באָניקערען און געשפּיגען די שאָלען געגענאיי־בער דעם פּלאַם פֿון נאַפֿט־לאָמפּ, כואַנאַ איז נישט גע־ווען אין זעלבּיגען צימער, זי האָט געמוזט ליגען אויף די פּליינעס און זיך נישט בעוועגען. אַבעלע „פּאָפּי־האַסניק״ האָט נאָך ביימאָג בעזאָרגט, אַז „זי״ זאָל זיין אָפּגעשיידט פֿון איהם, אַז זי מוז „שטיין״ אין אַ בעזונדער חדר. אַז ביי איהם איז נישט קיין „אָפּען הויז״ בפֿרט ווען ס׳איז דאָ אַ מיידעל אין שטוב...

דאָס מיידעל איז אָבער איצט געזעסען אונטען, אין אַבעלעס אַלקער, זי האָט געלייענט אַ פּויליש בי־כעל און סאַוויצקעלע איז געזעסען לעבען איהר, גער האָלטען צונויפֿגעקוועטשט איהרע ווייסע פֿינגער אין זיין האַנד, ער האָט אויסגעהערט וואָס זי האָט געליי־ענט, און פֿאַר אָנטציקונג געגעבען אַלע מאָל אַ דריק די פֿינגער איהרע, אַז דאָס רינגעלע רינגעלע אויף איהר מיטעלסטען פֿינגער האָט זיך געגעבען אַ שניט אין אין די איבעריגע. האָט זי געגעבען אַ געשריי, אַ פּאָר ביים מיט די ליפּען, און מיט דער צווייטער לויזער האַנט געפּאַטשט צו איהם: ער זאָל זיך שוין אָפּטראָ־גען, אַז ער מעג שוין ניין.

האָט סאַוויצקעלע זיך צושרשט אַרומגעקוקט, צי דער „טאָטע״ קומט נישט אָן, אַ שרויף געטאָן ס׳רינג־עלע אויף איהר פֿינגער, געפּרובט צו ס׳איז לויז און דאַן אַרויסגעכאַפּט אין מויל, אויסגעזויגט, געכאַפּט די שוועהרד אין דער האַנד אַריין, אַרויסגעלאָפֿען און אפֿילו פֿערגעסען צו זאָגען „דאָבראַנאָץ״...

ווי נאָר אַבעלע פּאָפּיראָסניק האָט געהערט דעם קלונג פֿון דער שויבענזעמיר, אין וואָס ער האָט דער־קענט אַז דער „גוי״ איז שוין אַרויס, איז ער גלייך אוועק פֿון זיין „שיר השירים״ (וואָס ער האָט יעדען פֿרייטאָג־צונאַכטס געזאָגט) און געהייסען, דינעלע זאָל אַביסעל אַרויפֿגיין „צום גאַסט״, מיט איהם עפּעס רעדען, ער האָט איהר געמוסרט, עס איז נישט גלייך היינטיגע צייטען זאָל אַ מיידעל זיין אַזאַ פֿערשלאָ־פֿענע...

האָט דינעלע אַרויסגענומען פֿון קאָמאָר אַ ווייס קעלכעל מיט געשלייפֿטע שפּיצלעך, זי אָנגעטון אַרום האַלז. אויף דעם בריינעם קלייד האָט זי אַר רויפֿגעצויגען אַ שוואַרץ עליפּאַנע פֿאַרטוכעל מיט שעלקעס, אַריינגעלייגט אַ פֿינגער צווישען די בלעט־לעך פֿון „פּוילישען ביכעל״ און איז אַרויף צו דעם גאַסט.

די געסט וואָס האָבען אָפּגעקאָסט די „קוכעלעך״, האָבען צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ ביי איהר אַריינקו־מען: „גוט שבת״. מען האָט איהר געזאָגט „קאָמפּלי־מענטלעך״, אַז זי זעהט אויס ווי אַ פּרינצעסין. מען האָט גענומען טרעפֿען וויפֿיל דאָס פֿאַרטוכעל קאָסט, און זי, מיט איהר געמאַכטער נאַיוויטעט האָט אויף אַלעס געענטפֿערט מיט אַראָפּגעהאַנגענע אויגען.

פּלוצלינג האָט זי געפֿרעגט דאַניען:

— וואו איז די פּאַני?

דאַניע האָט נישט געענטפֿערט, עס האָט זיך אָפּ־געפֿרעסט אַ שווייגען, דינעלעס נאַאיוו געמאַכטע פֿראַ־גע, ווי אַ קינד, וואָס פֿרעגט זיך עפּעס און ברענגט עלטערע אין פֿערלעגענהייט. אַזוי איז איצט געווען.

אייגענטליך האָט דאָך דאָס אַלעמען אינטערעסירט, צוליב „איהר״ איז מען דאָך אַמייסטען געקומען, מען האָט געוואָלט עפּעס מעהר אויסגעפֿינען און מעהר פֿערשטעהן. נאָר אַזוי ווי מען האָט געפֿיהלט אַז עפּעס אַ שייכות האָט דאַניע פֿאַרט צו „איהר״. האָט מען דערפֿאַר וועגען איהר נישט געפֿרעגט, כאָטש אַלע האָ־בען מיט די אויגען אַרומגעזוכט אויסגעשנישטערט ער־דעם ווינקעלע, וואָס וואָלט געקענט אָנדייטען אַ גוויר־זען אַ רמז, אַ סימן פֿון איהר.

דינעלע האָט גוט געוואוסט אַז מען האָט זיי „פֿער־נאַכהערגעשיידט״. סאַוויצקעלע האָט עס אַפֿילו אויך געוואוסט און האָט געזאָגט אַ פּאָר גראָבע ווערטער אויף דעם חשבון. זי האָט געוואוסט אַז די „פּאַני״ איז אין אַ בעזונדער חדר. זי איז ביי איהר עטליכע מאָל געווען. דינעלען האָט געהייצט אַ נייגעריגקייט, זי האָט בעטראַכט מיט דאָרשטיגע אויגען איהרע זייד־ענע פּידזשאַמעס, די געפּלימטע שלאָף־ראָקען, די זיידענע קליידער און דורכזיכטיגע זאָקען, זי איז גע־זעסען שעה׳ן ביי איהר אין צימער און מיט שטום־לשון מיט פֿינגער־שפּראַך, ווי „אויסגעפֿרעגט״ יעע־נען אַלע זאַכען. זי האָט זיך אָנגעמאָסטען די „קאָפֿער־לווישען״, וואָס די „פּאַני״ האָט מיטגעבראַכט זיך בע שפּריצט מיט אָדעקאָלאָן, געגנאַצט דעם פּודער און איינגעזאַפּט אין זיך דעם פּאַרפֿום וואָס האָט זיך גע ריסען פֿון כואַנאַ האָר.

כואַנאַ האָט דאָס מיידעל ליב געקריגען, דאָס איז געווען דערפֿאַר, וואָס דינעלע האָט געוואוסט ווי צו זיין „נאַיוו״ און קליינשטעטעלדיג דעמאָלט ווען ז׳האָט געשהאָרנט. און פֿאַרוואָס זי האָט עס געראַפֿט, האָט זי אַליין זיך נישט געקענט דערקלערען.

ווען אַלע זענען שוין געהאַט אוועקגעגאַנגען, איז דינעלע נאָך געבליבען אין דאַניעס צימער, זי האָט אוועקגעלייגט דאָס ביכעל און גענומען אַ בעזים אויס צוקערען דאָס שאָלעכץ פֿון די קערלעך און „מאַכען דאָס בעט״. דאַניע האָט ערשט איצט געפֿינען אַ גע־לעגענהייט צו שטעלען אויף איהר פֿריהערדיגען פֿריגען:

— איר מיינט דאָס מיידעל, וואָס איז מיטגעקו־מען? די שלאָפֿט בעזונדער.

— זי איז איהנם אַ קאָלעזשאַנקע?

— יאָ.

— זי געפֿעלט מיר, זי קען גאָרנישט רעדען קיין יודיש?

— פֿונוואַנען זאָל זי קענען?

— און פּויליש?

— אויך נישט, זי איז דען פֿון הי?

— וואָס חען רעדט זי?

— בראַזיליאַניש און שפּאַניש.

— איך ווייס דען, וואָס דאָס איז?

— פֿאַרוואָס זאָלען זי נישט וויסען?

— מען האָט מיך נישט געבילדעט, איך קען נאָר פּויליש. דייטש, רוסיש.

— און יודיש?

דינעלע האָט געגעבען אַ ציה מיט דער נאָז, ווי זי וואָלט חרמים געוואָלט וויזען, אַז זי איז אַן׳איג־טעליגענטקע, דאָניען איז דאָס נישט געפֿעלען, ער האָט דערפֿיהלט אַז דער נאַאיוויער טאָן, וואָס זי האָט אַזוי קינסטליך אָנגעהאַלטען, האָט זיך אַפּגעגליטשט פֿון איהר, זי האָט איהם אויפֿגעהערט אינטערעסירען און געענטפֿערט נישט גערן, אין אַזאַ פֿאַל: בלויז מיט פּראַגמעס.

זי האָט איהם אויסגעפֿרעגט וואָס ער וועט דאָ טון אין מיט דער ביטערקייט פֿון איהר שאַטען האָט זי גע פּרובט „טאַפּען דעם דופֿק״, וויפֿיל ער פֿערמאָגט, זי האָט איהם דערצעהלט וועגען די וואָס זענען געפֿאָה־רען קיין אַמעריקע און געקומען מיט שטיקער גאָלד. זי איז געוואָרען גאָר היימיש און איבערצעהלט, וויפֿיל פּאַציענטען עס האָבען געוואָלט „רעדען״ מיט איהר. נאָר וואָס דען? הער „טאַטעשי״ האָט נישט געלאָזט.

אַז דאַניען האָט נישט „געטומען״ איהרס רייד, האָט זי גענומען זיך פּוצען, פֿערציהען דאָס מוילכעל ווי מיט שנירלעך, זיך געשמעלט אויפֿן אָפּסאַצעל און קאָקעטירט, דערווייל איז געשעהן אַזוינס וואָס האָט דאַניען איבערראַשט און דינעלען אַריינגעוואָר־פֿען אין שוידערשרעק.

(פֿאָרטזעצונג קומט)

מענשען קאנען לעבען 180 יאהר,
זאגט סאוויעטישער געלערנטער

אונזער עלטער־זיידע מתושלח האט דערלעבט צו זעהר א הויכען עלטער, ווי עס ווערט דערציילט אין חומש. פון דעם נעמט זיך טאקע דאס גלייכ־ווערטעל „אלט ווי מתושלח׳ס יאהרען". די גע־וועהנליכע זאטע עלטער פון א מענשען ווערט אבער באטראכט 70 יאהר, און ווען איינער שפאנט אריבער די 70 יאהר, האלט מען איהם פאר א בר־מזל.

גראד אין אונזער צייט, ווען די וויסענשאפט האט דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע פון פראג־רעס, איז די שטערבליכקייט אין עלטער פון 60־70 יאהר זעהר א גרויסע. א לעבענס־צייט פון 90 יאהר, הונדערט און העכער איז איצט אזא זעל־טענקייט, אז עס וועט נישט זיין איבערטריבען צו זאגען, אז מען ווייסט איצט די נעמען און אדרעסען פון כמעט אלע די, וואס האבען זיך דערנעהנטערט צו הונדערט יאהר און העכער. דזשא שאָד, אנ׳ענגלישער זשורנאליסט האט טאקע געמאכט אנ׳ אויספארשונג וועגען דעם, וואס מען דארף טאן צו האבען לאנגע יאהרען, און געפונען האט ער דאס דורך שמועסען מיט זקנים און זקנות, וועל־כע זענען בעריהמט פאר זייער לאנגער לעבענס־צייט.

צו די סאמע בעריהמסטע זקנים פון אונזער צייט געהערען: דער בעריהמטער ענגלישער דראַ־מאטורג בערנארד שאו, און דזשאהן ראקעפעלער, דער רייכסטער מאן נישט בלויז אין אמעריקע, נאר אויף דער גאנצער וועלט.

שאו האלט, אז כדי צו לעבען לאנג, דארף מען, ערשטענס, זיין א שטרענגער וועגעטאריער, ד. ה. נישט עסען קיין פלייש.

דזשאהן ראקעפעלער, וועלכער איז 97 יאהר אלט, איז דווקא גאר א שוואכער עסער, אבער אויף ראקעפעלער׳ן איז די הויכע עלטער קיין חידוש נישט, ער האט דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען זיך נישט געדארפט זארגען וועגען פרנסה, און, ווי בעקאנט, קענען זארגען נישט צוגעבען קיין יאהרען צו א מענשענס לעבען.

בעקענט מען זיך מיט די עצות, וואס פיל הונדערט־יאהריגע גיבען, ווי אזוי צו לעבען לאנג, זעהט מען, אז דאס וואס איינער האלט פאר שעד־ליך, איז ביים צווייטען די גרעסטע ברכה, און פערקעהרט, הגם אין א רייהע פונקטען קומען זיך דאס רוב צונויף ערגעץ וואו.

וויליאם גרין, אנ׳ענגלענדער, וועלכען האלט שוין אט־אט ביי הונדערט יאהר, דערקלערט, אז א סגולה פאר אריכת ימים איז אויפצועסען יעדען טאג פאר פריהשטיג פינף לעבעדיגע זשאבעס, גרינג לאכט זיך אויס פון דער איינרעדעניש, אז עסען פשוט׳ע שפייזען און געהען שלאפען אין צייט פער־לענגערען די יאהרען.

דרומאנד, אנ׳ענגלישע פרוי, וועלכע האט ערשט נישט לאנג געפייערט איהר הונדערטסטען געבורטסטאג, האלט, אז צו דערגרייכען א הויכען עלטער, דארף מען דעם מח און דעם גוף האלטען פערנומען מיט עפעס, זיך נישט זארגען און עסען מיט א מאס, נישט צופיל און נישט צו ווייניג. זי האט אויך געבוירען זעקס קינדער, פון וועלכע דריי לעבען נאך — א בעווייז, אז געבורטען זע־נען דווקא נישט שעדליך פאר א פרוי׳ס געזונט, ווי א סך מיינען. אין דרומאנד׳ס משפחה האבען עטליכע מיטגלידער געלעבט לענגער פון 80 יאהר.

קעטהרין פלאנקעט, אנ׳ענגלישע פרוי, וועל־כע איז ג׳ווען אקטיוו אין געזעלשאפטליכען לעבען, איז פאראיאהרען געשטארבען אין הויכען עלטער פון 112 יאהר. איהר עצה פאר לאנג לעבען איז געווען, אז מען זאל זיך פאראינטערעסירען אין אלץ, וואס פאסירט אויף דער וועלט. יעדע ממילא די נייגיריג צו לעבען לענגער פערגרעסערט און פער־שטארקט ווערען.

קעראלין מעדיאט, אנ׳ענגלענדערין פון דער פראווינץ, האט פונקט ווען זי איז אלט געווארען 109 יאהר, געליטען פון א בראנכיט־אטאקע. מען האט זי אוועקגעפיהרט אין א שפיטאל, וואו זי האט געפ׳עלט ביי די דאקטוירים, מען זאל איהר יעדען אינדערפריה געבען צוויי קווארט הייסע טיי, זי איז גאנץ שנעל אויסגעקורירט געווארען. זי איז ביז׳ן היינטיגען טאג געזונט און שטארק, האלטענ־דיג, אז די צוויי קווארט הייסע טיי יעדען טאג האבען זי אויסגעקורירט פון דער בראנכיט־חולאת.

אין פראנקרייך איז פע־האן א דערפעל עקוועל, וואו צווישען 330 איינוואוינער געפינען זיך 14, וועלכע זענען שוין עלטער פון הונדערט יאהר. דער בעריהמטער פראנצויזישער כירורג, ד״ר א־לעקסאנדער גוניא, וועלכער איז געשטארבען צו 103 יאהר, האט אויך אנגעשריבען א בוך מיט׳ן נאמען, „ווי צו לעבען ביז׳ן עלטער פון הונדערט יאהר". ער עצה׳ט זיינע לעזער נישט צו עסען פיל, אבער צו עסען בלויז דאס, וואס זיי האבען אמבע־סטען ליב. אייער און פוטער ביי יעדען אנבייסען, און דערצו נאך א שטיקעל פלייש, גרינצייג און וויין, פרישע פרוכט — דאס האט, לויט ד״ר גוניא, א גרויסען איינפלוס אויף דער פערלענגערונג פון׳ם מענשענ׳ס לעבען. צו דעם דארף מען נאך מאַ־כען גימנאסטיק רעגעלמעסיג און נישט לעבען אין א גרויסער שטאט.

די עלטסטע מענשען ג׳ט ארויס טערקיי. זארא אגא איז געשטארבען צו 160 יאהר, און זיין פריינד אכמעד בעי לעבט נאך איצט, בעריהמענדיג זיך, אז ער האט שוין געפייערט זיין אריינטרעטען אין 135־טען יאהר. אכמעד בעי האלט, אז קאלט וואַ־סער איז נישט בלויז גוט צו נעמען א שפריץ יע־דען טאג, נאר עס היילט אויס אלע קראנקהייטען, פון וועלכע א מענשען קומט אויס צו ליידען. זויער מילך יעדען טאג, לויט זיין מיינונג, איז די בע־סטע משקה, און מען דארף רעגעלמעסיג טרינקען טיי און קאווע. וואס איז שייך עסען — זענען פלייש, פיש, גרינצייג, אלע מאל גוט. און מ׳מעג עסען וויפיל עס גלוסט זיך נאר.

בעקענט מען זיך מיט די לעבענס פון אט די אלע אלטיטשקע, זענען דאס רוב פון זיי ארימע לייט, וועלכע האבען קיינמאל נישט געוואוסט פון קיין לייכטע בעשעפטיגונגען.

אין סאוויעטען־פערבאנד איז געגרינדעט גע־ווארען א ספעציעלע לאבאראטאריע צו פארשען די רעזולטאטען און מעגליכקייטען פון לעבען לאנג. די לאבאראטאריע געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון פראפעסאר מ. פ. לאזארעוו, וועלכער פארשט אויס יעדע איינצעלהייט אין דעם לעבען פון די אלטיטשקע אונטער זיין אבסערוואציע. דער עלט־סטער פון זיי איז 113 יאהר, און דער יונגסטער איז אלט 92 יאהר. ביז׳ן עלטער פון 80 יאהר איז ער געווען א געפעהרליכער שיכור, ווען מען האט מיט גרויס מיה אפגעוואוינט פון ביטערען טראפען. ד״ר לאזארעוו האלט, אז עס איז נישט וויט די צייט, ווען מען וועט דאס מענשליכע לעבען קענען פערלענגערען ביז׳ן עלטער פון 180 יאהר. צי מענשען וועלען האבען חשק צו לעבען אזוי לאנג — דאס בלייבט, א פראגע.

מ. ווישניצקי.

דער איבערוואנדערונג־פלאן אין דער יודישער אויטאנאמער געגענד וועט אויסגעפיהלט ווערען

מאסקווע (יט״א) א. זיענקא, סעקרעטאר פון „ציק" פון דער אוקראינישער סאוויעטישער רעפובליק, איז בעשטימט געווארען אלס פארזיצער פון אוקראינישען „קאמזעט".

דער פאקט, וואס אלס פארזיצער איז בעשטימט געווארען דער סעקרעטאר פון דעם העכסטען געזעצ־געבערישען ארגאן אין דער רעפובליק ווערט אויס־געטייטשט, אלס א בעווייז, אז די רעגירונג לעגט גרויס אכט אויף דער פערווירקליכונג פון די פלע־נער אין בירא־בידזשאן.

זיענקא האט אויסגעארבעט א גאנצער רייה מאסמיטלען, וואס ווערען אנגענומען, אז די אי־בערוואנדערונג זאל דורכגעפיהרט ווערען אין דער פולער מאס, און צו דער צייט. אין משך פון לוי־פענדען יאהר וועלען קיין בירא־בידזשאן ארויסגע־שיקט ווערען פון אוקראינע 6.000 איבערוואנ־דערער.

ווען מיר וועלען ארבייטען ווי געהעריג — האט זיענקא ערקלערט — וועט די יונגע יודישע אויטאנאמע געגענד, וואס איז אריינגעשריבען אין דער קאנסטיטוציע נישט פיהלען קיין דוחק אין בוי־קרעפטען.

כירורגישע וואונדער פון א יודישען פראפעסאר
21 טויזענד שווערע אפעראציעס

מאסקווע, (יט״א). אין דער מאסקווער „פראווּדא" איז ערשינען אנ׳ארטיקעל געווידמעט דעם לעבען און טעטיגקייט פון פראפ. ב. א. באגאראז (א יוד) בעריהמטען כירורג און אנגעזעהענעם געלעהרטען.

מיט 16 יאהר צוריק איז פראפ. באגאראז ארונטערגעפאלען אונטער א טראמוואי און האט פערלוירען ביידע פיס. ליגענדיג אויפ׳ן אפעראציע טיש האט ער אליין אנגעפיהרט מיט דער אפעראציע ביים אמפוטירען זיינע אייגענע פיס. פון דאן אן בעוועגט זיך פראפ. באגאראז אויף פראטעזען, אבער דאס האט אויף קיין האהר נישט אפגעשוואכט זיין כירורגישע וויסענשאפטליכע און פעדאגאגישע טעטיגקייט. שטעהענדיג אויף זיינע קינסטליכע פיס, פירט ער שוין דורך די איין און צוואנציג־טויזענדסטע קאמפליצירטע אפעראציע, און לאזט ארויס די פינפטע טויזענד מעדיק׳ן, וואס האבען געהערט זיינע לעקציעס איבער כירורגיע. אונטער דער אויפזיכט פון פראפ. באגאראז ווערען אין זיין קליניק דורכגעפיהרט די שווערע און קאמפלי־צירטע אפעראציעס, פערבינדען ארטעריען מיט בלוט־אדערן, איבערגיסונגען פון אקסען־בלוט אין מענשען, איבערזעצען אדער איינפלאנצען, דריזען פון דער אינערליכער סעקרעציע, שאפען ביי קראנ־קע נייע גלידער א. ד. גל.

פראפ. באגאראז איז טעטיג נישט אין מאסקווע, נאר אין ראסטאוו אויפ׳ן דאן. זיין נאמען איז אבער בעוואוסט נישט נאר אין ראטענפערבאנד, נאר אויך אין אויסלאנד. מען ווענדעט זיך צו איהם נאך כירורגישע הילף פון פראנקרייך, האלאנד, און פון פיל אנדערע לענדער.

בעזונדערע קהלות פאר די פאלאשען אין אביסיניען

רוים (יט״א) אין איטאליענישען קאלאניאל מיניסטעריום איז פארגעקומען א לענגערע בע־ראטונג מיט׳ן אנטייל פון פארשטעהער פון פער־באנד פון די יודישע קהלות אין איטאליען. אדוו. פעליס ראוועננא, אדוו. פיטערבא און פראפ. דאנטע לאטעס, במשך פון וועלכער עס זענען בעטראכט גע־ווארען די פראגען, וואס זענען נוגע די ארגאני־זאציע פון קהלות־וועזען פאר די יודען אין אביסיניען. דער קאלאניאל־מיניסטער לעסאנא האט געגעבען די געהעריגע אויפטראגען כדי, עס זאלען ווי אמשנעל כטען ערלעדיגט ווערען אלע פראגען, וואס האבען א שייכות מיט דער ארגאניזאציע און מיט דער בע־האנדלונג פון די רעליגיעזע אינטערעסען פון די אבי־סינישע יודען. עס איז בעשלאסען געווארען, דאס דער פערבאנד פון די יודישע קהלות אין איטאליען וועט ארויסשיקען אין קורצען א דעלעגאציע פון דריי פארשטעהער כדי זיך פערנעמען אויפ׳ן ארט מיט דער פארשונג פון די רעליגיעזע מנהגים פון די אביסינישע יודען און מיט דער ארגאניזאציע פון די ערשטע יודישע קהלות אין אדיס אבעבא און אין דיר דאוא. די דעלעגאציע פון פערבאנד וועט האבען דעם אויפטראג זיך צו שטעלען אין קאנטאקט מיט די פאלאשען, וועלכע וואוינען צושפרייט אין פערשידענע טיילען פון אביסיניען, הויפטזעכליך ביים טאנא־זעע און אין דער שטאט גאנדאר און זעהען צו גרינדען דארט שולעס און ברענגען זיי די נויטיגע הילף. אלס לעהרער און ראבינער פאר דער יודישער בעפעלקערונג אין אביסיניען וועלען פערווענדעט ווערען די שילער פון ראבינער־סעמי־נאר אין ראדאס און רוים.

ראדיא - ווינקעל

ראדיא ביים היינטיגען טאג.

מען שמועסט לעצטענס א סך, אז די ראדיא־טעכניק איז שוין „סטאביליזירט", גאנץ פיין, א־בער צי מיינט מען דען, אז די ראדיא־קאנסטרוק־טארען זיצען שוין אין גאנצען פערלעגען די הענד און דארפען דא שוין גארנישט טון? אט וועגען דעם לוינט טאקע א שמועס צו טון.

די „סטאביליזירטע טעכניק" הייסט נישט אנ־דערש, ווי די נייע פערבעסערונגען, וואס קומען ביי איהר פאר א דאנק דעם פארשריט און עוואלוציע אויפ׳ן געביט פון ראדיא־טעכניק קומען קיין שום רעוואלוציעס נישט פאר. די היי־יעהריגע שינויים זענען מיקראסקראפישע אזוי, אז זיי ווארפען זיך אין די אויגען און דאך זענען זיי גענוג שטארק.

נישט איינמאל הערט מען, ווי איינער זאגט:

— יא, ראדיא אינטערעסירט מיך זעהר, אבער אנ׳אפאראט וועל איך מיר קויפען ערשט דאן, ווען די טעכניק וועט זיין די בעהעריג ענטוויקעלט.

אבער אזא מין רעדען דערמאהנט אינ׳ם מעשה׳לע וועגען דעם פוקס און די ווינטרויבען, וועלכע זענען פאר איהם געווען נאך נישט גענוג צייטיג...

שמועסט מען ווידער וועגען טעלעוויזיע, דארף מען וויסען, אז דא מוזען זיין אפאראטען פון א גאנץ אנדערען מאבטאזש, ווי די ראדיא־אפאראטען. די ראדיא־הערערס, אדער די שפעטערדיגע ראדיא־הערערס, מוזען האלטען די איצטיגע טעכניק ביים בויען די ראדיא־אפאראטען פאר א סטאביליזירטע אויף לאנגע יאהרען, אויב עס געהט דא אין דער איינפאכקייט און קוואליטעט.

לאמיר אקארשט זעהען, וואס פאקטיש די סטאביליזירטע ראדיא־טעכניק גיט אלץ. קודם־כל — די קורצע כוואליעס. נישט אזוי לייכט איז דאס אנגעקומען. א גאנצע רייהע עקספערימענטען זענען דערביי געמאכט געווארען אויף פערשידע־נערליי אופנים. ערשט א דאנק די דאזיגע אנשטרע־נגונגען קאן מען היינט הערען די סאמע ווייטסטע סטאציעס אהן שום אטמאספערישער אדער טעכני־שער שטערונג.

עס ווערט אויך גערעדט וועגען דער סעלעקטי־וויטעט, וואס איז נישט שטענדיג איינע און די זעל־בע. אבער יעדער ראדיא־הערער ווייסט דאך, אז דאס האט א שייכות דערמיט, ווי אזוי די סטאציע נעהמט אויף, וועלכע עס איז אוידיציע. דעריבער זענען די היינטיגע ראדיא־אפאראטען פערזעהען מיט א רעגולאטאר, וואס ווען ער מאכט קלענער די סעלעקטיוויטעט, מאכט ער אויך גרעסער, אהן שאדען פאר דער זאך, דאס הערען די ווייטע אדער נאהענטע סטאציעס, אויף אזא אופן קאן מען רע־גולירען די סעלעקטיוויטעט פון 6 ביז 20 קילא־ציקל אין א סעקונדע.

כדי אויסצומיידען די אומאנגענעהמע פייפע־רייען ביים זוכען וועלכע סטאציע, ווערט אנגעווענ־דעט א אפטישע אנשטעלונגס־רעגולאציע. דאס לעצטע איז א סך בעסער און פינקטליכער, ווי דאס אנשטעלען דעם אפאראט לויט׳ן קלאנג.

אויך ביי די הילכערס זענען פערהאן געוויסע שינויים. צווישען אנד. איז די עליפטישע מעמבראנע, וואס מאכט אזוי, אז מען זאל נישט הערען דאס קוויטשעניש ביי גרויסע טענער, וואס חזר׳ען זיך אפט איבער. דעסטגלייכען דער פערמאנענט־היל־כער, וואס אין פערגלייך מיט׳ן עלעקטרא־דינאמי־שען הילכער, גיט ער דעם זעלבען קלאנג־עפעקט און נוצט ווייניגער שטראם.

די היינטיגע ראדיא־ערא איז די ערא פון אייזען. דער דאזיגער מעטאל ווערט זעהר א סך אנ־געווענדעט אינ׳ם אינערליכען רעהרעל, וואס דער־פון ווערט בעסער די אמפליפיקאציע, פערגעהמט ווייניגער ארט און מאכט אביסעל לייכטער די ארבייט פון די לאמפען.

עס לאזט זיך אויך בעמערקען א גרויסער פארטשריט ביי די איינצעלהייטען פון דער קאנסטרוק־ציע פון די ראדיא לאמפען, וואס זייער פראדוקציע ווערט פון טאג צו טאג אלץ מעהר נארמאליזירט.

די אלע אויסבעסערונגען האבען אויך א שייכות מיט׳ן פערקלענערען דעם פרייז פון די ראדיא־אפאראטען. לסוף, ווען מען נעהמט אין אכט, אז גאנץ אפט פערנוצט דער היינטיגער ראדיא־אפא־ראט א סך ווייניגער עלעקטרישען שטראם, איידער א לייכט־לעמפעל — מוז מען טאקע זאגען, אז ראדיא איז איינע פון די ליבסטע און ביליגסטע פערוויי־לונגען.

פון דער פראווינץ
(פון אונזערע קארעספאנדענטען)

בזשעזשין

שוין זייט א לענגערע צייט, ווי דא דרעהט זיך ארום א יונגער גלח, און טעריזירט פשוט די קריסטליכע קונים, וועלכע ער טרעפט אן ביי א יודישען סטראגאן, אדער געוועלב, עס גרופירט זיך ארום איהם א ביסעל קריסט־ליכע יונגעלייטלעך, וועלכע העלפען איהם צו.

* * *

בעת אין פויערלייענען א צו הארבען „ווי ראק" האט דער פערמשפעטער גוב דערלאנגט דעם כענדזשע שלעדזשע ה׳ בלאכאווסקי, צוויי פעטש מען האט דעם פעראורטיילטען גלייך געשמידט אין קייטען און אפגעפיהרט קיין לאדז אין תפיסה.

* * *

א גרויס צופרידענהייט האט ארויסגערופען ביי די... בזשעזשינער ענדעקישע פיהרער, וואס נאך דעם פיל יעהריגען קאמף אין שטאט־ראט, איז איבערגעטראגען געווארען דער מארק, אויף א צווייטען פלאץ, וואס איז נישט גינסטיג פאר יודישע הענדלער, נישט קוקענדיג אויף די פיל אינטערוועגצן ביי דער העכערער מאכט, דאס אפצוהאלטען, האט דאך בזשעזשין געהאט די זכיה צו ווערען אריינגערעכענט צו ש׳ ד׳ ע״א בעסטע מארק - פלעצער לויט׳ן ענדעקישען שטוי־גער.

* * *

די פערגאנגענע וואך האבען די בזשעזשינער אינסטיטוציעס ווי די תלמוד תורה, גמילות חסדים קאסע, שוהל־קאמיטעט א. א. זיך דערקלעפט דאס הארץ מיט א שעהנע מטבע פון לאדזער גביר ה׳ וואוועל האלבערשטאט, וועלכער האט לעצטענס דא געוויילט אויף זיין פאטער׳ס פינפציגיעהריגע יאהר־צייט.

אלעקסאנדער

.1

שבת איז אויסגעבראכען א ש[illegible] אין דארף ברוזשיץ אונטער אלעקסאנדער. דאס פייער האט זיך בליץ־שנעל פערשפרייט און ס׳זענען אוועק מיט׳ן רויך ביידע ווירטשאפטען פון גאס אין שעוושיק. דער היזק בעטרעפט העכער 20 טויזענד זל. די שרפה זאל זיין ענטשטאנען פון א אונטערצינדונג פאליציי פיהרט א אויספארשונג.

.2

שבת 1 ביינאכט זענען א גרופע כוליגאנעס ארומגעגאנגען איבער די שטאט און פערטשעפעט יודישע אדורכגעהער, ס׳זענען אייניגע יודען צו־שלאגען געווארען, א פאליציאנט, האט געגען אייניגע פון די כוליגאנעס צונויפגעשטעלט פראטאקאלען.

דער פוטבאל מעטש, וועלכער איז זונטאג ד. 21. פארגעקומען אין אלעקסאנדער צווישען סאקאל און ט. ז. ס. לאדז, וועגען די מייסטערשאפט פון קל. „צ האט זיך פערענדיגט מיט 3:0 לטובת סאקאל

זונטאג אוונט איז אין זאל פון „מכבי" פארגעקומען א רעפעראט פון דעלעגירטען דורך דעם ציוניסטישען עקזעקוטיוו־קאמיטעט פון דער יודישער אגענץ אין ירושלים הרב צבי שמואל ווייס, א. ד. ט. „אונטערן צייכען פון אויפבוי" איינגעארדענט דורך דעם אלעקסאנדער׳ן שקל־קאמיטעט.

י. ל. הערשקאָוויטש

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבן

נייער פאלקסבלאט

מיטוואך 24 יוני ד׳ תמוז תרצ״ו

זון־אויפגאנג 3.13
זון־אונטערגאנג 8.00

צוליב׳ן דעוויזען מאנגעל

האט זיך די לאגע אויפ׳ן רויה־שטאף מארק נאך מעהר פערערגערט

(אג) נישט קוקענדיג אויף די צאָהלרייכע קאָנ־פערענצען וואָס זענען געווידמעט דער רויה־שטאָף־פראַגע, וואָס זענען פאָרגעקומען אין משך פון די לעצטע צוויי וואָכען און להיפוך צו די אָפּיציעלע פערזיכערונגען פון די מאָסגעבענדע קרייזען, אַז די רויה־שטאָף שוועריגקייטען צוליב די דעוויזען־בעגרע־נ־צונגען, וועלען אין דער נאָהענטסטער צייט בע־זייטיגט ווערען איז די לאַגע אין אינדוסטריעלען לאָדז נישט פאַרבעסערט געוואָרען, נאָר להיפוך, אין דער לעצטער וואָך האָט זי זיך נאָך פאַרערגערט. די אומזאַצען אויפ׳ן רויהשטאָף מאַרק זענען געווען מינימאַלע. פירמען פון דער מיטעלערע אינדוסטריע וואָס האָבען געבראַכט באַוואָל, קאָנען איהם אָבער נישט אויסקויפען צוליב מאַנגעל אין דעוויזען, מוזען קויפען גאָרן ביי הענדלער, וועלכע זיי צאָהלען מיט 14 ביז 20 פּראָצענט מעהר, ווי זיי האָבען געקויפט אין אויסלאַנד. אָבער אויך ביי די הענדלער לאָזט זיך שוין אויס די זאַפּאַסן, ווייל די 50 פּראָצ. פון די געפאָדערטע דעוויזען זענען שוין אויסגע־שעפּט און זיי האָבען איצט בדעה אונטערצונעהמען אַ אַקציע אין וואַרשע מיט׳ן ציל צו בעקומען ווייטערדיגע דעוויזען. די הענדלער האַלטען, אַז עס איז פּאָרגעקומען אַ מיספאַרשטענדניש. אין וואַרשע האָט מען געמיינט, אַז אויב די לאָדזער פירמען וועלען בעקומען 50 פּראָצענט פון די געפאָדערטע דעוויזען, וועלען זיי קאָנען בעפרייען דעם גאַנצען איינגע־קויפטען באַוואָל. די אויסלענדישע פירמען אָבער בעפרייען נאָר אַזוי פיל באַוואָל אויף וויפיל זיי בעקומען דעוויזען.

רעאַזומירענדיג דאַרף פעסטגעשטעלט ווערען, אַז אין די לעצטע וואָכען האָט געהערשט אַ דיספּראָפּאָרציע צווישען די פאַרשפּרעכונגען און רעדעס פון די מאָס־געבענדע אָפּיציעלע פאַקטאָרען, און דער פּראַקטיק

שרעקליכער פארפאל אויף שרודמיעסקא

צוויי ארבייטער זענען אריינגעפאלען אין ביאלאגישען פילטער.—איינער איז טויט

(א) נעכטען פייעראַבענד זענען עטליכע אַרבייטער געווען בעשעפטיגט ביי די קאַנאַליזאַציע־אַרבייטען אינם הויף אויף שרודמיעסקא 39.

די אַרבייטען זענען אויך געווען געפירט ביי דער נאַכט, צוליבן פאַרשנעלערען טעמפּא.

אין אַ געוויסען מאָמענט האָט זיך די 2 אַרבייטער: דעם 32־יאָהריגען איגנאַצי יענדריכאָווסקי (פון מלינאַרסקי 28) און דעם 35־יאָהריגען פעליקס שימאַנסקי פון אל. 1. מאַי 37 פערדרייט דער קאָפּ, מחמת די שטיקענדע ריחות אין דעם קלאָזעט־קאַנאַל. זיי האָבען פערלוירען דאָס בעוואוסטזיין, און זענען אריינגעפאַלען אין דער קלאָאַקע־גרוב...

די איבעריגע אַרבייטער האָבען זיי געפּרובט ראַ־טעווען, אָבער צוליב די שטיקענדע גאַזען, האָבען זיי זיך געמוזט צוריקציהען.

מ׳האָט תיכף אַלאַרמירט פייערלעשער און פאַר־נאָטאָוויע.

די פייערלעשער אַנטאַן מאַסקעס, האָבען אין פערלויף פון עטליכע מינוט אַרויסגעצויגען די צוויי אומגליקליכע, וועלכע האָבען שוין אַרויסגע־וויזען שוואַכע סימנים פון לעבען.

שימאַנסקי, וועלכען מ׳האָט באַלד אָפּגעגעבען אין שפּיטאָל איז גליק געשטאָרבען. יענדריכאָווסקי לעבט נאָך, אָבער ס׳איז דאָ שוואַכע האָפנונגען איהם צו דערהאַלטען ביים לעבען.

אויפן אָרט זענען אָנגעקומען פאַרשטייער פון דער מאַכט, און עס איז פערפיהרט געוואָרען אַ־ן אויספאָרשונג, ווער ס׳איז שולדיג אינם שרעקליכען אומגליק.

מ׳האט איהם פערקלענערט די שטראף

דער סטרוזש, וואס בעגיסט א דייטש מיט זאַלץ־זויער, ווייל ער הערט איהם רעדען דייטש. און ער מיינט—ס׳איז יודיש...

(א) אין חודש מערץ ה. י. איז דער 51־יאָהריגער סטרוזש פון סלאָוויאַנסקאַ 32, מיכאל סמאָלאַגאַ, אַ בעקאַנטער שנדעק און יודען־שלעגער פער׳משפּט געוואָרען דורכן היגען קרייז־געריכט אויף דריי־האַלבען יאָהר טורמע דערפאַר, וואָס אין נאָוועמבער פאַר יאָהרען איז ער בעפאַלען אויף דער נאַפּיורקאָווסקיעגאָ דעם דייטש קאַרל אייער, מיינענדיג, אַז יענער איז אַ יוד, ווייל ער האָט, גייענדיג מיט זיין כלה, גערעדט... דייטש. און איהם אַ כליאַפּ געטאָן מיט אַ פלאַש זאַלץ־זויער אין פּנים.

נאָר על פי נס איז אייערן געלונגען אָפּצוראַטעווען די אויגען....

דער מנובל׳דיגער כוליגאַן האָט אַריינגעטראָגען אַ קאַסאַציע און דאָס אַפּעלאַציע־געריכט האָט איהם געמילדערט די שטראָף אויף אַנדערטהאַלבען יאָהר טורמע.

ער פרעסט און זויפט און דעקט דעם בעטרעף מיט געמלאכה׳טען וועקסעל

פאר דער חכמה בעקומט א „טאַבאַריז״ גאַסט 6 חדשים תפיסה

מאַניעק לאַנג איז אַ סטאַלע שטאַם־גאַסט אין די לאָדזער נאַכט־לאָקאַלען.

אַריינקומענדיג אין אַ פּלאַץ, האָט ער פיינד זיך אויסצוזעצען געניצען, נאָר ער האָט ליב זיך צו לאָזען וואוילגיין אויפ׳ן גאַנצען הולטייסקען מאַטאָר. ביי איהם איז דאָן אַ זלאָטע בלאָטע.

שווער צו זאָגען, פון וואַנען ער נעמט פּאַרע צו פּייען, מסתמא פּאַקט ער שוין זיינע פּריירס, וועלכע שטעלען איהם כבוד אָבער טאַקען איהם אַ נמילת׳ל.

איינמאָל – געווען איז דאָס אין אָנהייב סאַ־ריגען ווינטער – פאַלט דער פאַן מאַניעק פּלוצלינג אַריין אין „טאַבאַרין״. נ;מט אַ סעפּאַראַטקע פּער־בעט אַריין אַ צוויי־דריי ליאַלקעלעך און די טאַ־וואַרזישטשוואַ הייבט זיך אָן צו באַווייען.

אַז די קאָמפּאַניע האָט זיך שוין געהאַט אָנ־געבאַוויעט אויף אַ סומע פון אַ 170 גילדען, האָט דער קעלנער אויסגעצויגען פון דער פּראַק־קעשענע אַ וואָקס און דערמיט געפּרובט דעקען די פּרעס

דעם דירעקטאָר צעלמייסטער האָט אפילו „די וואָלוטע״ נישט איבעריג געפאַלען, אַ בריה האָט ער אָבער נישט געהאַט און געמוזט דעם קוילישן צונעמען.

אין אַ צייט אַרום איז טאַקע דער „ממזר״ צוריקגעקומען פון דער פּאָסט מיט אַ נאָטיצעל, אַז דער אָ סשטעלער דאַרף ערשט געבוירען ווערען.

ה׳ צעלמייסטער האָט די מעשה מיטגעטיילט דער פּראָקוראַטור און דעם פּאַצעט מאַניעק לאַנג האָט מען פאַר דעם עסק נעכטען צוועקגעזעצט אויף דער בעשולדיגונגס־באַנק אין היגען קרייז־געריכט.

מאַניעקס פאַרטיידיגער, אַדוו. לעאָן בוים האָט אויפגעוויזען אַז אין דער דירעקציע פון טאַ־באַרין האָט מען אויסגעצייכענט געוואוסט, אַז דער וואָקס איז אַ געמלאכה׳טער נאָכמער מ׳האָט איהם אפילו צו דעם מייסטערשטיקעל בעוואויגען בכדי צו האָבען אויף איהם אַ „ריט״, אַז ער זאָל מוזען משלמען דעם חוב.

הגם דאָס אָפּגעטוענע שטיקעל אַרבייט איז ביי מאַניעק׳ן נישט קיין ערשטלינג דאָך האָט דאָס געריכט בעריקזיכטיגט די טענע פון פאַרטיידיגער און דעם אָנגעקלאָגטען פאַרמשפּט בלויז צו 6 חדשים תפיסה און די שטראָף אויפ׳ן סמך פון דער אַמ־נעסטיע געשאָנקען.

קרבן פון א געשלעג

(א) אויף שטראַקאָווסקיעגאָ גאַס איז פּערוואונ־דעט געוואָרען בעת אַ געשלעג דער 28־יאָהריגער קאַזשימיעזש זבאַראָווסקי (שטראַקאָווסקיעגאָ 76) פאָגאָטאָוויע האָט איהם ערטיילט ערשטע הילף.

KINO TEATR
MIRAŻ
11 LISTOPADA 16
אָנהויב 4 אַ זייגער נאָכמ.
היינט און פאָלגענדע טעג!
SHIRLEY TEMPLE
אין פּרעכטיגען פילם
„אונזער זונעלע״

טעאַטער
„ראָזמאַיטאָשטשי״
ציגעל = גאַס 27. טעל. 112=25
דיר.: דוד צעלמייסטער.

לעצטע 5 פאָרשטעלונגען פון טעאַטער
„אַראַראַט״
קינסטל. אנפ.: מ. בראָדערזאָן.

היינט, מיטוואָך, 9.15 אָוונט
דער געזעגנונגס־שלאָגער־פּראָגראַם א. נ.
חסידיש, נגידיש, ממזריש
אַ קייט פון די פריילעכסטע „אַראַראַט״־פּערל אין 2 טיילען, 16 בילדער.
אונזער אַנסאַמבל: חנה גראָסבערג, מאַלווינאַ ראַפּעל, שיינע פּרים
יואל בערגמאַן, וול. גאַדיק, שמעון דזשיגאַן, סאַם היאַר,
מ. פּולאָווער און י. שומאַכער. דיריגענט: ד. ביינגעלמאַן

ר׳האט געשטעלט א ווידערשטאנד

בעת דעם פּראָטעסט־שטרייק געגען אנטיסעמיטיזם

(א) אין שייכות מיטן יודישען פּראָטעסט־שטרייק דעם 17. מערץ ה. י. געגען דער שחיטה־גזירה און דער פערניכטענדער כוואַליע פון מורא׳דיגען אַנטי־סעמיטיזם אין לאַנד, איז חדש 17. מערץ טאַקע אויף דער נאַוואָמיעסקאַ גאַס אַרעסטירט געוואָרען דער 28־יעהריגער לייב גאָלדבערג (פון מלינאַרסקאַ 17).

ער איז נעכטען גע׳משפּט געוואָרען דורכן היגען קרייז־געריכט, אַלס בעשולדיגטער אין שטויסען און שלאָגען דעם פּאָליציאַנט פּושטשאָווניק וואָלני.

גאָלדבערג האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער האָט זיך געשיצט, ווייל די פּאָליציאַנטען האָבען איהם פריער געשלאָגען.

ער האָט בעקומען אַ פּסק־דין — 8 חדשים טורמע.

קיין ארץ־ישראל
גרופּענווייז און אינדיווידועל.
ביליגע פּרייזען. גוטע בעדינגונגען.
פּינקטליכע בעהאַנדלונג.
ים־אויספלוג לאַנדאָן־אַמסטערדאַם
דעם 7/7—16/7 פון 210 זל.
„פּיאָרדי—נאָרוועגיע״
דעם 19/7—30/7 פון 330 זל.
אויסלענדישע הנחה־אין קוראַציע־פּעסער.
פאָרשטעהערשאַפט פון „אינטוריסט״
אויספלוגען און רייזעס קיין רוסלאַנד.
ברענגען קרובים פון רוסלאַנד קיין פּוילען.
אינפאָרמאַציעס ערטיילט
דאָס יודישע רייזע־ביוראָ
Union Lloyd
Piotrkowska 42, tel. 107-87.

נייער סאניטאר־פונקט

(א) אַ דאַנק די בעמיהונגען פון דער שטאַ־טישער מאַכט און פון דער „אובעזפּעטשאַלניע״. איז געעפענט געוואָרען אַ נייער סאַניטאַר־פונקט אויף לובעלסקאַ 7, וואו עס וועלען בחנם ערטיילט ווערען עצות און מעדיצינישע הילף פאַר אָרימע קראַנקע אויף שווינדזוכט, טראַכאָמע און ווענע־רישע קראַנק.

אנ׳אורלויב־סכסוך

(א) אין דער פאַבריק פון דער פירמע בער־לינסקי (6 שיערפּיען־גאַס 32) איז, צוליב אָפּזאָגע־נונגען פאַר אורלויבען, אויסגעבראָכען אַ סכסוך. די אָפּגעהאַלטענע אונטערהאַנדלונגען האָבען נישט געבראַכט צו קיין רעזולטאַט, און דעריבער ווערט דער ענין געווענדט אין געריכט.

אפריה־געשעטניש

(א) לויט אינפאָרמאַציעס פון דער לאַנדווירט־שאַפטס־קאַמער אין לאָדז וועט דער שניט היי־יאָהר אויסנאַהמסוויז אויספאַלען זעהר פריה — מיט אַנ־ערך צוויי וואָכען פריהער, ווי פאַראַיאָהרען — צו־ליב דער זעהר גוטער טרעקעניש און דער ציטיג־קייט פון די תבואות.

די אפצאלען פאר ארבייטס־פאנד פונ׳ם דירה־געלד

(א) מחמת די פערשידענע ספקות האָט די פי־נאַנץ־מאַכט אַרויסגעגעבען אַ צירקולאַר, וואָס קלערט אויף דעם ענין מאָהנען אָפּצאָהלען פונם דירה־געלד לטובת דעם אַרבייטס־פאָנד.

די האַזיגע אָפּצאָהלען רעאַליזירען די הויז־בע־זיצער, אין דער הויך פון 0,5 פּראָצענט פונם איינ־קאָסירטען דירה־געלד און דערביי דאַרף די סומע בעצאָהלט ווערען אין משך פון אַ חודש פונם קוואַר־טאַל, פאַר וועלכען דאָס דירה־געלד פאַר 1 און 2־צימערדיגע וואוינונגען, ווי אויך פון די וואוינונגען אין וועלכע די הויז־בעזיצער גופא וואוינען — ווערט דער אָפּצאָהל פאַרן אַרבייטס־פאָנד נישט גענומען.

פייערליכע ענטהילונג פונ׳ם זשעראמסקי־דענקמאל אין זגערזש

נעכטען איז אין זגערזש פאָרגעקומען די פייערליכע ענטהילונג פונ׳ם סטעפאַן־זשעראָמסקי־דענקמאָל אויפ׳ן פּלאַץ פונ׳ם מלוכישען פּרויע־לעהרערין־סעמינאַריום אויף דער טאָוואַראָווע־גאַס.

אין די פייערליכקייט האָט זיך בעטייליגט דער לאָדזער וואָיעוואָדע, ה׳ דזשוקע־נאָוואַק.

א מבולאטאריום
ביים פאַראיין „לינת משמורים״
פּילסודסקעגאָ 21, טעל. 242-55
איז טעטיג פון 10 פריה ביז 4 נאָכמיטאָג.
עס נעמען אָן
דאָקטוירים פון אַלע ספּעציאַליטעטען,
ווי אויך וויזיטען אין דער שטאָט, ס׳ווערט אָנגענומען אַלע זעמטליכע אַנאַליזען.
דענטיסטישער גאַבינעט איז טעטיג אַ גאַנ־צען טאָג.
די פערוואַלטונג.

טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי"
דיר. דוד צעלמייסטער.

שוין דעם 1 יולי הויבען זיך אָן די גאַסטשפּילען פון אַמעריקאַנער סטאַר יודישען „שעוואַליער"

פּסח'קע בורשטיין

פּראָפּאַגאַנדע פאַר'ן יודישען וועלט=קאָנגרעס

אין לאָדז און אין דער וואָיעוואָדזטווע

די פייערליכע דערעפנונג פון דער ראַיאָן־קאָנפערענץ וועט פאָרקומען זונטאָג ד. 5 יולי 11 פריה אין „פילהאַרמאָניע" מיט דער בעטייליגונג פון די ה"ה: ד"ר י. שיפּער, יעקב לעשטשינסקי און ד"ר א טאַרטאַקאָווער. די צווייטע זיצונג קומט פאָר 5 נאָכמ. אין לאָקאַל פון „וויזאָ" פּיעטרקאָווער 86. ווי ס'איז פאַראויסצוזעהען וועלען זיך אין דער ראַיאָן־קאָנפערענץ בעטייליגען דעלעגאַטען פון אַלע שטעט פון דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע.

דאָס ביוראָ פון יודישען וועלט־קאָנגרעס אין לאָדז, מאַכט די געהעריגע פאָרבערייטונגען צו דער ראַיאָן־קאָנפערענץ, וועלכע דאַרף פאָרקומען דעם 5|7 אין לאָדז. ביז־איצט האָבען זיך שוין אָנגעשלאָסען און געשאַפען קאָמיטעטען פאָלגענדע שטעט אַרום לאָדז: טאָמאַשאָוו, אויזאָרקאָוו, בזשעזשין, גלאָוונאָ, סטריקאָוו, דזשיאַלאָשין, ווילון, לאַסק, קאָנסקע, קאָליש, פּאַביאַניץ, אַלעקסאַנדער, טושין, שאַדעק, קאָליש, קאַלאָ, קאָניק, סלופּצע, בעלכאַטאָוו, דרזשעוויצע. ראַמביע, פּאַיענטשנע, זד. וואָליאַ, שעראַדז, וואַרטאַ, עס איז אויסגעפאָהרען אַ דעלעגירטער פון לאָדזער קאָמיטעט בכדי צו אָרגאַניזירען קאָמיטעטען אין דעם אַרומיגען לאָדזער קרייז. ווי עס איז צו ערוואַרטען, וועלען זיך אין דער קאָנפערענץ בעטייליגען ביז הונדערט שטעט פון דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע.

* *

פּיעטרקאָוו טריב.

אונטערן פאָרזיץ פון ד"ר זלאָטניק איז פאָרגעקומען א בעראַטונג פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס ווי אויך פאָרשטעהער פון דער קהלה געווידמעט דער אָרגאַניזירונג פון אָרטיגען קאָמיטעט פאַר די ענינים פון יודישען וועלט קאָנגרעס. די דעלעגאַטען פון דער לאָדזער ע[illegible] די ה"ה: פרוזקין און ביין, האָבען רעפערירט וועגען די אויפגאַבען און צילען פון וועלט־קאָנגרעס און וועגען די פאָרבערייטונגען צו דער לאָדזער ראַיאָן קאָנפערענץ. נאָך א לענגערע דיסקוסיע איז געוועהלט געוואָרען א קאָמיטעט.

* * *

דאָס ביוראָ פון לאָדזער קאָמיטעט פאַר'ן יודישען וועלט־קאָנגרעס האָט אָרגאַניזירט א רייה פערזאַמלונגען געווידמעט דעם געדאַנק פון יודישען וועלט־קאָנגרעס.

אין קליינהענדלער־פאַרבאַנד אָגראָדאָווע 10, איז פאָרגעקומען א פערזאַמלונג מיט דער בעטייליגונג פון די ה"ה: פּרנס לייבוש ראָזענבערג און אָרצי.

זונטאָג איז פאָרגעקומען א פערזאַמלונג אין קליינהענדלער־פעראיין, לימאַנאָווסקיעגאָ 26 מיט דער בעטייליגונג פון ה' פּיאָטר כאַרי, ווי אויך אַ פערזאַמלונג אין דער יודענשטאַאַטס־פּאַרטיי מיט דער בעטייליגונג פון די ה"ה: סייטעלבוים און מגר. גייזלער.

מאָנטאָג זענען פאָרגעקומען 2 גרויסע פּראָפּאַגאַנדע־פערזאַמלונגען אין סוחרים־פעראיין, פּיעטרקאָווער 10, אויף וועלכער ס'האָבען רעפערירט די ה"ה: ד"ר אריה טאַרטאַקאָווער און פּרעזעס י. יאַשונסקי. אין „התאחדות" איז פאָרגעקומען א פערזאַמלונג פאַר דער אַרבייטענדער אינטעליגענץ מיט דער בעטייליגונג פון ה' ז. עלענבערג.

די אַלע פערזאַמלונגען זייען געוואָרען גוט בעזוכט און האָבען אַרויסגערופען א גרויסען אינטערעס ביי אַלע פערזאַמעלטע. ווי ס'איז צו זעהען איז דער געדאַנק פאַר'ן יודישען וועלט־קאָנגרעס גענוג פּאָפּולער, נישט נאָר צווישען די אָרגאַניזירטע מיטגלידער פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען אָנגעשלאָסען אין יודישען וועלט־קאָנגרעס, נאָר אויך צווישען די ברייטע נישט־אָרגאַניזירטע יודישע פאָלקס־מאַסען.

דעם 19־טען יולי וואַהלען צום יודישען וועלט=קאָנגרעס

לויט'ן בעשלוס פון צענטראַל־ביוראָ פאַר'ן יודישען וועלט־קאָנגרעס אין וואַרשע, קומען פאָר די וואַהלען צום יודישען וועלט־קאָנגרעס אין גאַנץ פּוילען דעם 19־טען יולי. שוין אין די נאָהענטסטע טעג וועט בעקאַנט ווערען דער רעגולאַמין און די טעכניק פון די וואַהלען.

* * *

מיט'ן אנטייל פון דעלעגירטע פון דער לאָדזער עקזעקוטיווע פאַר'ן יודישען וועלט־קאָנגרעס, ה' מ. קאַכאַנסקי, זענען אין די שטעט לאַסק און שטשערצאָוו, פאָרגעקומען זיצונגען פון אַלע יודישע פּאַרטייען, ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס און קהלות, אויף וועלכע עס זענען געשאַפען געוואָרען קאָמיטעטען פאַר'ן יודישען וועלט־קאָנגרעס. עס זענען אויך באַלד אויפ'ן אָרט געוועהלט געוואָרען דעלעגאַטען צו דער ראַיאָן־קאָנפערענץ.

גוט מאָרגען!

דער 13=טער!...

ווען דער ציפער 13 זענען דאָ פאַרשידענע מיינונגען. מאַנכע האַלטען איהם פאַר אַ שלימזל'דיגען, אַלץ וואָס בעטרעפט 13, מיידט מען אויס ווי אַ פּעסט. אַנדערע ווידער האַלטען, גראַד דעם 13 פאַר אַ מזל'דיגען ציפער. אַלץ טוען זיי דעם 13־טען. אַ נייע דירה דינגען זיי אין אַ הויז נומ. 13, אָדער ס'זאָל זיך כּפּלען אויף 13. דאָס זעלבע מיט אַ לאָטעריע־צעטעל.

צוליב וואָס דערצעהל'ען מיר דאָס? ווייל אין לאָדז האָט זיך די טעג געגרינדעט דער 13־טער קליינהענדלער־פעראיין.

וואָס איהר גלויבט נישט? מיר האָבען דאָס אויך נישט געגלויבט. ליידער איז עס אַזוי. 13 קליינהענדלער־פעראיינען, 13 פּרעזעסען, 26 וויצע־פּרעזעסען, 13 קאַסירע"ס. 13 סעקרעטאַרען, און געהילף־סעקרעטאַרען, עטליכע הונדערט פערוואַלטונגס־מיטגלידער, 13 לאָקאַלען, 13 טישען, 13 גרינע טישטוכער, 13 טעלעפאָנען, 13 גלעקלען.

נו, קומט טאַקע פאַר אַ טעטיגקייטס־געביעט. איינער וויל דעם צווייטען איבעריאָגען מיט „טובות הכלל", מיט „ראַטעווען" און „העלפען" דעם צעבראָכענעם, דעם רואינירטען יודישען קליינהענדלערטום. יעדער שרייבט בעזונדערע מעמאָריאַלען, יעדער לויפט בעזונדער „אינטערווענירען". יעדער מאַכט שבת פאַר זיך. דאַרף מען געהען אויף אַן'אינטערווענץ קומען 13 דעלעגאַציעס, מיט 13 פּרעזעסען און 13 סעקרעטאַרען מיט 13 טעקעס אונטער די אָרעמס. יעדער שרייט „אני שלמה". איך פּרעזענטיר דעם יודישען קליינהענדלערטום. און דער סוף איז, ווי אַ סך קעכינס בלייבט דאָס מיטאָג רויה.

אפשר האָבען מיר אין לאָדז געהאַט ווייניג 12 יודישע קליינהענדלער־פעראיינען, האָט מען געגרינדעט אַ 13־טען. אַ 13־טער פּרעזעס־בענקעל.

צו וואָס? ווער האָט איהם געדאַרפט? אפשר ווייסט איהר? גערעכט איז דער ייד, וואָס האָט לייענענדיג די נאָטיץ אין דער צייטונג, אַ ציטער געטון מיט די פּלייצעס און געזאָגט:

— „על הראשונים אנו מצטערים!!...

אב—נעק

אַפּטייקען.

היינטיגע נאַכט - דיזשורען

(א) היינט ביינאַכט דיזשורירען: ה. דזשעווי‏טש (זגערזשער 57), י. האַרטמאַן (מלינאַרסקאַ 1) י. הישפּאַנסקי (פּריהייטס־פּלאַץ 2), א. פּערעלמאַ (ציגעל נאַס 32), י. צימער (וואָלטשאַנסקאַ 87), ו דאַניעלעצקי (פּעטריקאָווער 137), פּ. וואָיטשעצ (נאַפּיורקאָווסקיעגאָ 27).

ווער ווייסט?

נעכטען איז אַרויס פון דערהיים אַ 6 יאָהריג יונגעלע, טראָגט ווייסע הייזלעך מיט בלויע שטרייפען אָהן אַ היטעל. ווער ס'ווייסט וואו ער געפינט זיך ווערט געבעטען מיטצוטיילען ביי ביינישׂ האַנדעלסמאַן יעראָזאָלימסקאַ 5.

טעאַטער „העלענאָוו"

לאָדזער יודישער מוזיק = פעראיין „שיר" נאַרוטאָוויטשאַ — 32 —

שבת, דעם 27־טען יוני ד. י. 8.45 אָוונט קומט פאָר א
גרויסער קאָנצערט פון יודישע לידער
אויסגעפירט
דורך דעם
שיר=כאָר
אונטער דער לייטונג פון פּראָפ. י. פּיוויישים
מיט'ן אנטייל פון אויבערקאַנטאָר א. בלעכאַראָוויטש (וואַרשאַ).
ביים קלאַוויר: Dyr. TEODOR RYDER
בילעטען צום פּרייז פון 1,09 זל. פאַר קינדער און שול־יוגענד 54 גר.
שוין צו בעקומען אין לאָקאַל פון „שיר" נאַרוטאָוויטשאַ 32.
בעמערקונג: מיטגלידער בעקומען הנחה=בילעטען צום פּרייז פון 54 גר.
אין לאָקאַל פון „שיר" נאָר ביז פרייטאָג, דעם 26 ה. ח

פערזאַמלונג פון די קרעדיטאָרען פון דער פירמע „פּעפּעגע"

(אג) די טעג איז פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון פּרעזעס טעאָדאָר פינסטער אַ פערזאַמלונג פון די בעלי־חובות פון דער פירמע „פּעפּעגע".

עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו שאַפען אַ קאָמיסיע פון דריי פּערזאָן, וואָס וועט האָבען אויסצופאָרשען די אַקטען פון דער פירמע „פּעפּעגע" אין גרודזשאָנז, אינטערווענירען און בעקומען אַן אויריענץ ביים יוסטיץ־מיניסטער.

נאָרמירטע קאָנטראָלע פון ווינדעס

(א) אין שייכות מיט'ן שלעכטען מצב פון די ווינדעס אין די הייזער און פאַבריקען, און עס קאָנען דעריבער פּאַסירען פערשידענע אומגליקען — ווי עס האָט שוין אייגענטליך אויך פּאַסירט — האָט די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט אין הסכם מיט דער אָפּטיילונג פאַר שטאַטישע אונטערנעהמונגען ביי דער לאָדזער זעלבסט־פערוואַלטונג און מיט דער געזעלשאַפט פאַר קעסלען־אויפזיכט, אויסגעאַרבייט א פּלאַן פון שטאַבילער פעך־קאָנטראָלע איבער די ווינדעס.

Doktór Z.
HENRYKOWSKI
ספּעציעל־אַרצט פאַר מענער - שוואַכע ווענערישע און הויט־קראַנקהייטען
טראַוגוטאַ 9 טעל. 262-98
נעמט אָן פון 8—1 און פון 5—9 אָוונט
זונטאָג פון 9 פריה ביז 12.30 מיטאָג
פאַר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע־פּרייזען

ר. איזראַעל

אויסגעלייטערטע נשמות

סענסאַציאָנעל שפּאַנענדער ראָמאַן פון יודישען לעבען

59

— דאָס איז אין דער קאַנצעלאַריע, דאָ איז עפּעס אַנדערש, און אַמאָל מוז דאָך זיין דאָס ערשטע מאָל, נאָר דעם אמת מוז איך אייך זאָגען, פרייליין זאַמערפעלד, לויט דעם ווי איהר פאַסט אויף און ווי איהר בעגרייפט געזעלשאַפטליכע ענינים און סאָציאַלע פראַגען, לויט אייער טעמפּעראַמענט און אינטעליגענץ האָב איך זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ס'וועט ביי אייך אויסקומען אַזוי מאָדנע ווען איך האָב אייך איינגעלאַדען, אַז מיר זאָלען זיך פריי־וואַס, אינטים, חבריש אַדורכשמועסען, איך בין דאָ אין לאָדז, ביי מיין גרויסער פּראַקטיק, פאָלשטענדיג עלענד און איינזאַם, פּונקט אַזוי ווי איהר, וועלכע האָט נישט קיין אַדוואָקאַטישע קאַנצעלאַריע און איז נישט אַזוי לאַנג אין דער גרויסער שטאָט ווי איך, ס'איז נישט גענוג צו וואוינען אין דער גרויסער שטאָט, מ'דאַרף לעבען אין איהר און צו לעבען אין איהר, דאַרף מען וויסען ווי אַזוי צו לעבען.

— דאָס איז אמת, האָט סאָניע געזאָגט, מ'קען אַמאָל זיין אַרומגערינגעלט מיט צעהנדליגער און הונדערטער מענשען און נישט האָבען מיט וועמען א וואָרט אַרויסצורעדען, איך האָב די דאָזיגע לאַגע שוין געפיהלט אויף מיין אייגענער הויט.

— אָט האָבען מיר זיך געפינען, ס'איז פולשטענדיג גענוג אַיין מענש, צו וועלכען מ'זאָל קענען רעדען אַזוי ווי מען וויל, אַז די גייסטיגע בעדערפענישען זאָלען אויף אַ געוויסער מאָס בעפרידיגט ווערען.

סאָניע האָט זיך זעהר שלעכט געפיהלט בעת דעם דאָזיגען געשפּרעך, וועלכער איז איבערגעגאַנגען אויף א קאָמפּלימענט אויף איהר חשבון. דעריבער. ווי צופרידען זי האָט נישט געוואָלט זיין מיט דעם פּריוואַטער בעגעגעניש מיט אַדוואָקאַט ראַוועסקי, האָט זי דאָס געשפּרעך געוואָלט איבער־פיהרען אויף אַן אַנדער טעמע.

— איהר פרעגט מיך גאָרנישט, האָט זי זיך געווענדעט צו ראַוועסקין, וואָס איך האָב געטון בעת דעם צווייטען וויזיט פון פעליקס ראַוודזקי?

— דאָס איז ווידער א [illegible] דאַרף קאַנצעלאַריע און נישט פאַר א פּריוואַטען געשפּרעך אויב, אַז דאָס איז א גאָר דרינגענדע פראַגע, בין איך גרייט דאָס אויסצוהערען.

— ניין, האָט סאָניע געמוזט מודה זיין, גאָר דרינגענד איז עס נישט, כ'האָב געטון אַזוי ווי איהר האָט מיר געהייסען, כ'האָב איהם אָפּגעשלעפּט.

— נישט איך האָב אייך געהייסען, נאָר געראַטען, כ'האָב קיין שום רעכט נישט אייך צו געבען בעפעהלען.

— זאָל זיין אַזוי, פאַר מיר איז אָבער יעדע עצה פון אייך אין דעם אומגליקליכען ענין — א בעפעהל.

— אפשר וועלען מיר אריינגעהען ערגעץ אויס טרינקען א גלאָז טיי? האָט ראַוועסקי נישט דרייסט פאָרגעלעגט.

— ניין, איך מוז אייך קאַטעגאָריש אָפּזאָגען.

— פאַרוואָס, פ[illegible] זאַמע־פעלד?

דערפאַר, ווייל איך קען זיך נישט אויף די דאָזיגע זאַכען און בין זעהר אויפריכטיג מיט אייך, איהר קענט זיך נאָך קאָמפּראָמיטירען מיט מיין האַלטונג [illegible] מיט מיין אונערפאַהרענקייט, איך בין נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען נישט געזעסען אין קיין צוקערניעס.

— און נאָך דערצו מיט א יונגערמאַן, האָט ראַוועסקי צוגעגעבען.

— אמת, נאָך קיינמאָל נישט אין מיין לעבען.

— ווי מאָדנע דאָס איז, ס'האַרמאָנירט נישט דער גייסטיגער צושטאַנד מיט די אַזוי גערופענע דיינט־הויכטיגע מאַניערען.

— ס'איז פיין, אַז איינס האָט מיט'ן אַנדערען גאָרנישט צו טון, האָט סאָניע סאַרקאַסטיש געענטפערט, ס'זעהט אויס, אַז דער גייסטיגער צושטאַנד קאָן זיין אַ בעל יד גענדער און דערביי זאָל מען נישט געהען אין קיין צוקערניעס.

— כ'האָב אייך נישט געוואָלט טרעפען, האָט דער אַדוואָקאַט אַזוי זיך צומישט געזאָגט, ס'איז [illegible] געווען אין מיין כוונה, זייט מיר מוחל, אויב איהר האָט זיך געפיהלט געטראָפען.

— אָבער וואָס פאַלט אייך איין, האָט סאָניע [illegible] צולאַכט, כ'האָב נישט געהאַט אין זין זיך צו בעליידיגען, ס'האָט זיך מיר נאָר אַרויסגעגליטשט פון מויל, איבערהויפּט האָט איהר דאָך אַליין מודה געווען, אַז ביי מיר איז עס אַזוי, אויף אַ הויך פּאַטעטישען לשון וואָלט מען געזאָגט „דער אינטעלעקט געהט נישט פּאַראַלעל מיט דעם מאָדערנעם לעבענס־שטייגער", און כדי אייך צו ווייזען, אַז איך בין נישט קיין אויסטערלישער מענש מיט הערנער מיט עפּעס ספּעציעלע אייגנהייטען, נאָר א פּשוטער בשר ודם, ביי וועמען דער גייסטיגער צושטאַנד האַרמאָנירט יאָ מיט דעם היינט־וועלטיגען לעבענס־שטייגער, בין איך מסכים ערגעץ וואו מיט אייך אַריינצוגעהען און אויסטרינקען א גלאָז קאַפע.

ראַוועסקי האָט אין זיינע געדאַנקען געמוזט מודה זיין, אַז עס איז פולשטענדיג בעזיגט געוואָרען דורך דעם יונגען מיידעל, אויף וויפיל ער האָט נישט געזאָלט בעוואונדערען איהר שכל, פערנונפטיגע אָרגומענטאַציע, האָט ער זיך אָבער דאָס נישט געקענט פאָרשטעלען אין אזא פאָרנעהם ווי ער האָט דאָס איצט בעקומען צו פאָרשטעהען, ער האָט זיין מעהר נישט געענטפערט, נאָר מיט דער האַנט אַנגעוויזען סאָניען אויף דער נאָהענטער צוקערניע, וואוהין זיי זענען ביידע אַריינגעגאַנגען.

דאָס געשפּרעך האָט זיך מעהר נישט געקלעפּט. ראַוועסקי האָט זיך געפיהלט ווי א יונגעל, וועלכער האָט נאָר וואָס בעקומען איבער דער נאָז. סאָניע האָט געפּרובט זיך האַלטען אַזוי אַז זי זאָל נישט דאַרפען ציהען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די שטאַם־געסט און נישט דאַרפען צו פאַרשעהמען ראַוועסקין.

דער אַדוואָקאַט האָט געטראַכט וועגען דעם וואונדערבאַרען וועזען, וועלכעס זיצט אַקעגען איהם. ער האָט דאָס געהאַלטען פאַר א גליק פאַר זיך. ער האָט זיך נישט פאַרגינען א קוק צו געבען אויף איהר, אַזוי רייצענד־שעהן איז זי געווען, ווי די זון וואָלט זיך געשפּיגעלט אין איהר יונגען פּנים. דער ווייסער האַלז, די שוואַרצע האָאָר, די גאַנצע פיגור איהרע האָט געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע געסט, וועלכע זענען דאָ געזעסען און פון די, וועלכע זענען פאַרבייגעגאַנגען נעבען דעם אָרט, וואו סאָניע איז געזעסען מיט דעם אַדוואָקאַט. ראַוועסקיס בעקאַנטע האָבען פילדייטיג געקוקט אויף זיין געזעלשאַפטס־לייסטערין און זיך צו עטליכע מאָל געדרעהט הין און צוריק אַזוי ווי זיי וואָלטען געוואָרט דערויף, אַז ראַוועסקי זאָל זיי צורופען און בעקענען מיט דעם פּרעכטיגען פרויענצימער, וועלכע איז מיט איהם געזעסען.

(המשך קומט)

היינטיגע וואך וועט דעצידירט ווערן
ווען ס'וועלען פארקומען די קהלה-וואהלען אין לאדז

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט האט נאכ-
[..]ען אין דער סטאראסטווע געזאלט פארקומען א
[..]נפערענץ, בעת וועלכער ס'האט געדארפט אויפ-
[..]קלעהרט ווערען דער ענין, צי וועלען אין לאדז
[..]יך פארקומען די וואהלען צום קהלה-ראט דעם
[..]טען סעפטעמבער, אין הסכם מיט דער לעצטער
[..]יניסטעריאלער פארארדנונג, אדער וועלען אין
[..]דז ערשט פארקומען די וואהלען אין חודש נא-
[..]מבער נאכדעם ווי ס'וועט זיך ענדיגען די קא-
דענץ פון דער קהלה-פערוואלטונג.

צוליב דער קראנקהייט פון לייטער פון דער
זיכערהייטס-אפטיילונג ביי דער וואיעוואדזטווע
איז די קאנפערענץ נעכטען נישט פארגעקומען,
היות אבער ווי ס'דערנעהנטערט זיך דער טערמין
ווען ס'וועט דארפען פארעפענטליכט ווערען דער
קאלענדאר פון די קהלה-וואהלען, וועט די פראגע
וועגען די לאדזער וואהלען מוזען דעצידירט ווע-
רען נאך אין פערלויף פון דער היינטיגער וואך.

פייערליכע געזעגנונג פון אינזש. גלאזעק
אין זאל פון שטאט-ראט

אין זאל פון שטאט-ראט איז נעכטען פאר-
[..]קומען די פייערליכע געזעגענונג פאר דעם אפ-
[..]הערענדען ביזאיצטיגען פרעזידענט אינזש גלאזעק.
אין גרויסען זאל האבען זיך פערזאמעלט
[..]לע בעאמטע פון דער שטאט-פערוואלטונג, די
מיטגלידער פון שטאטישען ביירא[ט] און געזעל-
שאפטליכע טוער.

דער ערשטער האט אין א גלענצענדער רעדע
זיך געזעגענט מיט אינזש. גלאזעק, דער איצטיגער
פרעזידענט גאדלעווסקי, דאן האט אין נאמען פון
ביירא[ט] גערעדט ראטמ. פאוולאווסקי. אין נאמען
פון די בעאמטע האט גערעדט דיר. קאלינאווסקי.

אין א ריהרענדער רעדע האט אינזש. גלא-
זעק געענטפערט אלע רעדנער און זיך הארציג
געזעגענט מיט יעדען איינציגען בעזונדער.

די בעאמטע האבען צוגעטראגען דעם פרע-
זידענט א ווערטפולע מתנה. אינזש. גלאזעק האט
נעכטען פערלאזען די שטאט.

א וויכטיגע ווארנונג

אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט האט לעצטענס
ארויסגערופען אן 'אויפרוף פון פ. ק. א., אין וועלכען
[..]ס ווערט געזאגט צוו. אנד.:

מיט גרויס מיה, שווערער פראצע און אויס-
[..]ויער זאמעלט איהר שוין אין משך פון לאנגע יאה-
[..]ען אייערע אפשפארונגען. איהר האט אונז אנפער-
[..]רויט דעם לעצטען גראשען, האלטענדיג מיט רעכט
[..]. פ. ק. א. פאר א פעסטונג, וואס היט אפ אייער
[..]אב און גוטס. אבער דא און דארט פרואווען זיך
[..]ארשוינען מיט א געמאכט פרומען פנים, וואס זיי-
[..]ען אונרוה און פערשפרייטען ביזוויליגע פלאט-
[..]קעס. די דאזיגע פערדעכטיגע לייט דערציהלען
[..]בא־מעשיות, ווארענען פאר א כלומרשטער ענט-
[..]ווערטונג פון געלד, ראטען ארויסציהען די דעפאזי-
[..]טען פון די שפאר־קאסעס. די, וועלכע לאזען זיך בע-
[..]ווארשען דורך דער אונרוה, קומען נאך די דעפאזי-
[..]טען און בעקומען זיי גלייך אויסגעצאהלט אהן שום
[..]בעפרעניצונגען. די אהן ישוב־הדעת ארויסגעצוי-
[..]גענע סומען פערקלענערן זיך אפטמאל, א טייל געלד
[..]ווערט זיך פונאנדער, און די רעזולטאטען פון פיל
[..]חדשים און אפילו יאהרען איינשפארונגען ווערען
[..]פערקלענערט.

[..]העלט זיך נישט צו און לאזט זיך נישט נארען
דורך פלאטקעס, וואס זענען אויסגעטראכטע פון פיינ-
[..]ער. געדענקט, אז עס איז לייכט ארויסצוציהען איינ-
שפארונגען, אבער עס איז פיל שווערער אפצוהיטען
זיי אומגעריהרט און אין זיכערקייט.

מען טאר נישט ארויספיהרן קיין אויסלאנד שפאר-ביכלעך פון פ. ק. א.

יט"א האט דערהאלטען פאלגענדען קאמו-
ניקאט: עס ווערט אויפמערקזאם געמאכט די בעזי-
צער פון שפאר-ביכלעך פון פ. ק. א., וועלכע
פאהרען ארויס קיין אויסלאנד און ווילען מיטנעה-
מען די שפאר-ביכלעך, אז פאר'ן אפפאהר דארפען
[..]י זיך מעלדען אין פ. ק. א. (איינשפארונגס-
אפטיילונג), כדי צו ערלעדיגען די נויטיגע פאר-
מאליטעטען.

ארויספיהרען פ. ק א.-ביכלעך קיין אויסלאנד
אהן א ספעציעלער ערלויבעניש איז פערבאטען.
מען טאר בלויז דורכפיהרען די פ. ק. א.-ביכלעך
דורך דער טעריטאריע פון דער פרייסטאט דאנציג.

אין קאמף מיט געהיימער שחיטה

(א) דאס סטאראסטווע - געריכט האט נעכטען
בעשטראפט 30 פערזאן מיט געלד־שטראף פון 20
ביז 100 זל. פארן האנדלען מיט פלייש, וואס שטאמט
פון געהיימער שחיטה.

דערביי זענען קאנפיסקירט געווארען איבער
11,000 גראם פלייש.

אויספלוגען

קיין ווילנע

דעם 25 ביז'ן 30 יוני. פון 95 זל.

טשערנאוויץ

דעם 25/6 ביז'ן 1 יולי. פון 3.35

קיין ריגע

דעם 26 ביז'ן 30 יוני. פון 89 זל

פערקלענערטע פרייזן קיין גדיניע

איינשרייבונגען נעהמט אן

„ארביס״ פיעטריק. 18,

טעל. 249-40.

וויכטיג פאר די, וואס פאהרען קיין אויסלאנד

לויט א פעראָרדנונג פון אינערן-מיניסטעריום
איז ביי די רייזע-ביוראס „ארביס״ און „וואגאן-לי״
איינגענומען געווארען דאס רעכט צו ערלעדיגען
פאס-פראגען אין דער סטאראסטווע.

די סטאראסטווע נעהמט נישט אן קיין שום
ביטעס, וועלכע ווערען איבערגעגעבען דורך דער
פערמיטלונג פון רייזע-ביוראס און ערלעדיגט נישט
אזעלכע ביטעס. דעריבער דארף יעדער, וועלכער
וויל שנעל בעקומען אן'אויסלענדישען פאס, אליין
קומען אין סטאראסטווע, וואו מען בעקומט דעם
פאס העכסטענס אויפ'ן פירטען טאג און ביי דרינ-
גענדע פאלען דעמזעלבען טאג.

פערשטעהט זיך. אז מ'דארף נאך מעהר אפ-
געהיטען זיין פון דער פערמיטלונג פון פערשידענע
„מן כערס״.

ווארשאווער אפיציעלע בערזע

דעוויזען:

האלאנד	359.50
לאנדאן	26.62
ניו-יארק (קאבעל)	531.¼
פראנצויזישע פראנק	35 04
פראג	21.97
שווייצארישער פ.	172—

אפיציעלע פראצענטיגע פאפירען

	באנק פאלסקי	103.—
3 פראצ.	אינוועסטיציע I. פרעמירטע	67.—
3 "	II. "	68.—
4 "	דאלארובקע	50 —
7- "	סטאביליזאציע	53.—
5- "	ווארשאווער	54,25
5- "	לאדזער	48.00

ראדיא - פראגראם

מיטוואך, דעם 24-טען יוני

6.03 מוזיק (פליטען), 6.33 גימנאסטיק, 6.50 מו-
זיק (פליטען), 7.20 ידיעות, 11 מיטאג-קאנצערט, 11.57
צייט-סיגנאל, 12.03 לייכטע מוזיק פון טשעכאסלאוועק,
12.50 הויזווירטשאפט, 12.55 פידעל-קאנצערט, 1.05 מי-
טאג-ידיעות, 3.27 לאדזער בערזע, 3.30 ווירטשאפטליכע
ידיעות, 3.45 הערשפיל, 4.15 קאנצערט, 5 איטאליענישע
מוזיק, 5.30 געזאנג, 5.50 אנעקדאטען פון עדיסאנ'ס לע-
בען, 6 פליטען, 6.35 רעקלאמע - קאנצערט. 6.50 אקטועל-
לע שמועסען, 7 קאמעראל - קאנצערט, 7.25 שפאנישע
פאלקס-לידער, 8 רעפארטאזש, 8.15 פליטען 8.45 אווענט
ידיעות, 8.55 אקטועלער שמועס, 9 פון שאפענ'ס שא-
פונגען, 9.35 קאנצערט, 10.15 ספארט, 10.30 לייכטע
מוזיק (פליטען), 10.55 לעצטע ידיעות און קאמוניקא-
טען.

טעאטער, מוזיק און פערוויילונג
(קאמוניקאטען)

לעצטע פארשטעלונגען פון „אראראט״ אין לאדז

נאך א פאר געצעהלטע טעג ווערט געגעבען אין טעא-
טער ראזמאיטאשטשי דער בעסטער פראגראם צוזאמענגע-
שטעלט פון גלענצענדסטע נומערן, וואס רופט ארויס א
פעראינטערעסירונג ביים פובליקום אונטערן נאמען
„חסידיש, נגידיש, ממזריש״. דער עולם, וואס בעזוכט
דעם פראגראם ווילט זיך זעהר גוט און האט שטארק
הנאה פון די וויצען אין אלערארט סקעטשען, וואס עס
קומט פאר פון ערשטקלאסיגען אנסאמבל, וואס דער
„אראראט״ פערמאגט דער פערסאנאל בעשטעהט פון דזשי-
גאן, שומאכער, גראסבערג, ראפעל, גאדיק, בערגמאן און
יועלט-בעריהמטען טענצער סאם-היאר, יודיט בערג און
אנדערע. דער „אראראט״ געזעגנט זיך מיט לאדז דינס-
טאג דעם 30 יוני.

פסחיקע בורשטיין אין לאדז

דער יודישער „שעוואליער״ ליבלינג פון לאדז
פסח'קע בורשטיין הויבט אן דעם 1-טען יולי זיינע גאסט
שפיל אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי״. פסח'קען בור-
שטיין קומט צו פאהרען מיט א גלענצענדען פערסאנאל
און פיהרט אויף א ערשטקלאסיגע אייראפעאישע אפערע-
טע. עס איז זיכער, אז די קורצע גאסטשפילען פון דעם
בעליבטען אמעריקאנער סטאר וועלען דורכגעהן מיט דער-
פאלג.

טעלעגראמען

די גרויסע זיצונג פון דער ציון. עקזעקוטיווע מיט'ן אקציאנס-קאמיטעט

ירושלים, 23 (יט"א טעלעגראפיש)

היינט איז פארגעקומען די זיצונג פון אק-
ציאנס-קאמיטעט צוזאמען מיט די מיטגלידער פון
עקזעקוטיוו, וועלכע געפינען זיך אין ארץ ישראל.
דעם פארזיץ האט געפיהרט אוסישקין. די זיצונג
האט געדויערט ביז 12 ביינאכט. ס'זענען בעריהרט
געווארען פאליטישע און עקאנאמישע פראגען.

ביים אנהויב פון דער זיצונג האט אוסישקין
געמאכט א הספד די קדושים, וואס זענען געפאלען
פון די אונרוהען, די נישט יודישע פאליציאנטען,
וועלכע זענען געפאלען ביים שיצען די יודען און
אויך נחום סאקאלאוו.

וועגען דער פאליטישער לאגע אין לאנד
האט גערעדט טשערטאק. ער האט אנגעצייכענט
די פאליטישע ליניע אויף להבא. ער האט דאן
שטארק קריטיקירט די ארץ ישראל-רעגירונג, וועל-
כע האט נישט אנגענומען די מיטלען, וואס וואלט
געקענט דערשטיקען די אונרוהען באלד אין אנהויב.
טשערטאק האט אנגעוויזען, אז ווען די ארץ-
ישראל-רעגירונג וואלט נאכגעקומען די פערלאנגען
פון דער יודישער אגענץ, וואלט שוין לאנג געווען
רוהיג אין לאנד.

ווי די יוד. טעלעגראפען-אגענטור דערוויסט
זיך האט ארויסגערופען א גרויסע דיסקוסיע די
פראגע וועגען פערברייטערען דעם פאליטישען
דעפארטאמענט ביי דער עקזעקוטיוו דורך צוציהען
פארשטעהער פון פערשידענע גרופירונגען.

די פארזעצונג פון דער זיצונג וועט פאר-
קומען מיטוואך.

דער וויצע-מיניסטער האט געגעבען ענטפערען אין
גייסט פון די ערקלערונגען, וועלכע ארמסבי-גאר
האט געגעבען אין פארלאמענט.

די דעלעגאציע האט דערויף ערקלערט, אז
דער שטרייק וועט נישט אפגעשטעלט ווערען ביז
ס'וועט נישט איינגעהאלטען ווערען די יודישע
אימיגראציע קיין ארץ-ישראל.

זשאבאטינסקי'ס פארטראג אין א"י-קאמיטעט פון ענגלישען פארלאמענט

לאנדאן, 23 (יט"א טעל.)

אויף א פערזאמלונג פון א פארלאמענטארי-
שען ארץ-ישראל-קאמיטעט וועט וול. זשאבאטינסקי
האלטען א פארטראג וועגען דער לאגע אין ארץ
ישראל.

תל-אביב בעגריסט דעם ענגלישען קעניג

תל אביב, 23 (יט"א טעלעגראפיש) דער
שטאט-ראט אין תל אביב האט ארויסגעשיקט א
בעגריסונגס-דעפעשע צום ענגלישען קעניג צוליב
זיין היינטיגען געבורטס-טאג.

ארציבישאף קענטערבורי
ערווארט. אז די אראבער זאלען אפ-שטעלען דעם טעראר

ביירוט, 23 (ספ. טעל.) דער ארציבישאף
קענטערבורי האט אין א בריף צום גריכיש-קאטוי-
לישען פאטריארך מיטגעטיילט, אז די אראבער וועי-
לען מיט טעראר גארנישט פועל'ן און דארפען
פאר זייער אייגענער טובה אפשטעלען דעם טעראר,
כדי די מאנדאט-מאכט זאל זיי בעהאנדלען צוגלייך
מיט יודען.

ווי בעקאנט האט דער גריכיש-קאטוילישער
פאטריארך אפעלירט צום ארציבישאף קענטערבורי
אנצוהויבען אן'אקציע אפצושטעלען די יודישע
אימיגראציע.

אראבישע דעלעגאציע האט גארנישט געפועלט
די ערקלערונגען פון קאלאניען-מיניסטער זענען אין קראפט

לאנדאן, 23 (יט"א טעל.)

די נישט-אפיציעלע אראבישע דעלעגאציע
איז אויפגענומען געווארען דורך דעם שטענדיגען
אונטערשטאטס-סעקרעטאר אין קאלאניען-מיניס-
טעריום מאפיעי, צווישען דער דעלעגאציע און
מיניסטעריום איז נישט געקומען צו קיין הסכם.

די גאנצע אפאזיציע געגן דער „אגודה״
געוועהלט א קאמיסיע אדורכצופיהרען די וואהלען צו דער ווארשעווער קהלה-פערוואלטונג

ווארשא 23 (טעלעפאניש)

היינט אין אוועגד איז פארגעקומען א זעהר
שטורמישע זיצונג פון דער ווארשאווער קהלה-פער-
וואלטונג, ס'האט זיך געהאנדעלט וועגען שאפען א
וואהל-קאמיסיע פון 16 פערזאן, וועלכע דארף לויט
די פארשריפטען אדורכפיהרען די וואהלען צו
דער ווארשעווער קהלה, וועלכע קומען פאר דעם
6 סעפטעמבער.

פאר דער זיצונג זענען פארגעקומען פערשי-
דענע בעראטונגען און ס'איז געקומען צו א קאנ-
סאלידאציע פון אלע אהן אויסנאהם ריכטונגען
געגען דער „אגודה״, אין רעזולטאט פון דער
זיצונג זענען אין דער וואהל-קאמיסיע געוועהלט
געווארען 9 ציוניסטען, 3 אונפארטייאישע, 1 פאל-
קיסט און 3 „אגודה״.

דאזער קאמינער האט ערקלערט, אז ער
וועט דעם אויסגאנג אנקלאגען ביי דער מאכט.

געווארפען א באמבע אויף א יודיש געוועלב

ווארשא, 23 (טעלעפאניש)

מאנטאג 1 א זייגער ביינאכט איז געווארפען
געווארען א באמבע אין דעם יידישען געוועלב פון
חנה בארנשטיין אויף שטשעווינסקא 30 און וואלט
די פערברעכער זענען ענטלאפען, די איינארדנונג
פון געוועלב איז פערניכטעט געווארען.

בן-גוריון אפגעפלויגען קיין לאנדאן

ווארשא, 23 (טעלעפאניש)

דער פארזיצער פון דער ציוניסטישער עקזע-
קוטיוו אין ירושלים האט נאך מאנטאג אפגעהאל-
טען פערשידענע בעראטונגען און קאנפערענצען
און דינסטאג אינדערפריה איז ער אפגעפלויגען
מיט אן'עראפלאן קיין לאנדאן.

Dr. med. L. Berman

צעגעלניאנא 15, טעל. 149-07

ספעציעל-ארצט פאר מענער - שוועכע-בע
האנדלונג און סעקסועלע בעראטונג

נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אוונד.

זונטאג פון 9—1 פארמיטאג

פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזען

Dr. REICHER

אלודביאווא 28, טעל. 120-93

ספעציאליסט

פאר מענער - שוועכע - בעהאנדלונג

סעקסועלע בעראטונגען פון פסיכא - אנאליזען

נעמט אן פון 8—11 פון 5—8 אוונד.

זונטאג און חגאית פון 9—1

Dr. med.

Sadokierski

כירורג פון ציינער און יאסלעס

Piotrkowska 164 tel 114-20

Dr.

Wołkowyski

ציגעל-גאס 11, טעל. 238-02

ספעצ. פאר טריפער, סיפיליס און הויט-קראנקה

בעהאנדלונג פון מענער-שוועכע

נעמט אן פון 8—11 בייטאג און 4—9 אוונד

Dr. med. H. LUBICZ

צוריקגעקעהרט

ספעציאליסט פאר הויט, וועגערישע

און געשלעכטס-קראנקהייטען

צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעלעפאן 32-141

עמפאנגס-שעה'ן 8-10, 2-12 און 5-8 אוונד

קלאַנג-קינא
CAPITOL
זאַוואַדזקאַ 16

הייַנט און פאלגענדע טעג! ◆ גרויסער העריליכער פילם א. נ. ◆ הייַנט און פאלגענדע טעג!
„עגיפּטישע נעכט" (מצרים)
אויסערן פראַגראַם: קלאַנג-צונ״אָבע און לאַנד-אַקטואַליטעטען.
רעוואלאַציאָנס-בילליגע פרייזען!
1-טער פּלאַץ 1.09 זל. | 2-טער פּלאַץ 85 גר. | באַלקאַן 54 גר.

CUKIERNIA
„ZRÓDŁO"
PRZEJAZD 1, tel. 209-87 i 133-72
עמפפעהלט
אויסגעצייכנעטע לאָדעס
צוזאַמען מיט סאָדא-וואַסער און וואַפלעס א פּאַרציע 35 גר.
יאַרסקע אווענדבראָטען
פון 4 גראָנג צו 1 זל.

FABRYKA NAPOI GAZOWYCH
R. Frydwald
Piłsudskiego 69, tel. 190-48
עמפפעהלט
סאָדעוואַסער און לעמאָנאַד
וואָס ווערט אָפּגעשיקט פּינקטליך אַהיים
בעשטעלונגען ווערן אָנגענומען א גאַנצן טאָג.

DR. MED.
L. Pikielny
UROLOG
ספּעציאַליסט פאַר נירען, בלאָזן און אורין-קראַנקהייטען
NAWROT 8, tel. 219-90
נעהמט אָן פון 4—7 נאָכמיטאָג
צוריקגעקעהרט.

Starszy Felczer
B. JOSKOWICZ
פּאָלנאַצנאַ 4, טעל. 141-86
נעמט אָן טעגליך פון 8—11 און 4—6 נ״מ.
טעגליך פאַקען-שטעלען
מיט פרישע קראַוויאַנקע.

1-טע פּריוואַטע
פאַנגאַטאָוויע
טעל. 12-333
זשעלאַזנאַ 6 (לעגיאָנוב)
שנעלע ערצטליכע הילף אין אַלע ספּעציאַליטעטען.
דאָס איבערפיהרען קראַנקע אין גאַנץ פּוילען.

ווייכטיג פאַר טאַקסובקע-בעזיצער!
אַן'אונטערנעהמונג זוכט א טאַקסובקע צוזאַמען מיט א שאָפער, צו בענוצען א גאַנצן מעת לעת אויף סטאַלע. מיט בעשיידענע בעדינגונגען זיך צו ווענדען פון 8 אָוונט אַי
Dr. WAJS, Lagiewnicka 25.

DR. MED.
J. Szreiber
כירורג
צוריקגעקעהרט
Narutowicza 9. tel. 122-95.
נעמט אָן פון 2—3 נאָכמ. און פון 5—7 אָוו.

Dr.
Szymon Grynberg
ווישניאָווא גורא
(Willa Cyka) טעל. 26
נעמט אָן אין לאָדז
פּילסודסקיעגא 55, טעל. 68-58
און פון 1—2 און פון 5—6 נאָכמ.

Dr. med.
M. JAKOBSON
כירורג
פריער-כירורג-ספּעציאַליסט
צוריקגעקעהרט
D-ra STERLINGA 22,
telefon 174-42.

Dr. med.
GUSTAW KOHN
געוועזענער אסיסטענט פון דעם גינעקאלאגישען קליניק אין פּאַריז.
ספּעצ. פאַר פרויען - קראַנקהייטען און שוואַנגערשאַפט).
ספּעצ. פון היילען אונפרוכטבאַרקייט.
נעהמט אָן אין לאָדז
פּילסודסקיעגא 51, טעל. 170-03
נעהמט אָן פון 8—10 און פון 4—8 אָוונט

א געליטענער
צוליב די איצטיגע געשעהענישען פון זגיערזש, א קאַרט-וועבער, זוכט אַרבייט אָדער בעשעפטיגונג פאַר דער פרוי. צו וויסען גאָבן ליפּאָווע 64, ביי דאַנקעוויטש

Dr. med.
Ignacy Grynberg
אינערליכע קראַנקהייטען
(ספּעצ. פאַר האַרץ-קראַנקהייטען)
CEGIELNIANA 17, tel. 174-15
נעמט אָן פון 6 ביז 7.30 אָוונט.

Dr. med.
A. STILLER
אינערליכע קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט
נעהמט אָן פון 4—8
פּילסודסקיעגא 15,
פראָנט, 2. שטאָק טעל. 206-75

לעטשניצע
פאַר ווענעריש קראַנקע
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
לאָדז, זאַוואַדזקאַ 1
טעל. 122-73
טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוונט.
ווענעריש-קראַנקע, מענערשוואַכע און הויט-קראַנקהייטען
אַנאַליזען פון בלוט און אורין
די פערהיטונגס-סטאַציע
איז טעטיג א גאַנצען מעת לעת
פאַר פרויען א ספּעציעלער וואַרטע-זאַל
א בעראַטונג 3 זל.

לעטשניצע
פאַר וועבעריש-קראַנקע
מענער - שוואַכע און הויט-קראַנקהייטען
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
פּיעטריקאָווער 45
טעטיג פון 9 פריה ביז 9 אָווענד.
פרויען און קינדער נעמט אָן א פרוי-דאָקטאָר פון 11-1 און פון 5-7 אָווענד.
א בעראַטונג 3 זל. —

Dr. med.
M. TAUBENHAUS
צוריקגעקעהרט
ספּעציאַליסט
פאַר אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען
פערהיטונג געגען שוואַנגערשאַפט
זגערזשער 11, טעלעפאָן 246-09
נעמט אָן פון 8—9 פריה און פון 4—8 אָוו.

קליינע אנאָנסען!
1 זלאָטי אַנאָנס ביז 15 ווערטער 1 זלאָטי

פרייע פאַסטענס
טוועדט געזוכט א רעפּעזירקע, ווי אויך א וויקאַנטשאַרקע (נור קוואַליפיצירטע). פּיעטריקאָווער 79, וו. 52.

ס'ווערט געברויכט א נייהער צו אַן'איבערלאָק-מאַשין פון זאָפּאַרט. צו ערפאַהרען קאָנסטאַנטינער 54, ביים צימונגס-פערקויפער.

ס'איז נויטיג א קוואַליפיצירטער מאַשינער (רין) צו סוויטערס, בעפאַרצוגט ספּעציעל א וועסטען-נייהער. צו ערפאַהרען פּאָלנאַצנאַ 22, ביי פרידע.

פערשידענעס

א גוט-איינגעפיהרט געשעפט מיט אַלע איינריכטונגען איז פון זאָפאָרט איבערצוגעבען צוליב פאַמיליען-אַנגעלעגנהייטען. אָפּערטען אין אדמ. אונטער „גוט געשעפט".

Zgubiono kwit kaucyjny z Elektrowni Łódzkiej na nazwisko E. Szpilbaum, Łódź, ul. Nowomiejska 11.

איך האָב פערלוירען א פאַרטפעל מיט וועקסלען, ווי אויך געלד. דאָס געלד בעט איך זיך צו האַלטען און די וועקסלען מיר אָפּצוגעבענגען פּילסודסקיעגא 2, ביי גראַנעק. אַלע בעוואָרעניִשען זענען געמאַכט געוואָרען. די וועקסלען ווערען ערקלערט פאַר אונגילטיג.

פרייטאָג 4.30 נאָכמיטאָג האָב איך איבערגעלאָזט אין אויטאָ, וואָס געהט נאָך וואַרשאָ, א טלית. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען אָבצוגעבענגען נאָוואָמיעסקאַ 15, ביי פרידמאַן.

אַכטונג! ווער עס וויל האָבען די עלעגאַנטסטע היטען צום זומער-סעזאָן אויך Hückel ווי אויך די בעסטע יודישע היטלען, טוכענע, סאַמעטענע, זיידענע צו ביליגע פרייזען. אויך אַלע אַרט שילער-היטלען בעקומט איהר נור אין בעוואוסטען הוט-געשעפט „Szerlauns" פּיעטריקאָווער 10. קומט און איבערצייגט אייך! שבת איז מיין געשעפט געשלאָסען.

דאס ביי-ערעפענטע יודישע אָפּטיק-געשעפט
„Opticum"
28 פּיעטריקאָווער 28
מאַכט בעקאַנט דער ג. קונדשאַפט, אַז עס בעזיצט אויף לאַגער א גרויסען אויסוואַהל פון פערשידענע ברילען, בינאָקלען, אַלערליי צילינדער-גלעזער, סאָמע בינירטע גלעזער, טערמאָמעטער א. ז. וו.
אַלעס צו די ביליגסטע פּרייזען.
ווערען אויך אויסגעפיהרט זעמטליכע רעפּאַראַטורען פּינקטליך און רעעל.
געדענקט די אַדרעס:
28 פּיעטריקאָווער 28.

עס איז פערלוירען געוואָרען א פאַרטפעל אָהן געלד און א פּאַס אויפ׳ן נאָמען יעקב דוד גראָסמאַן. דער ערליכער אָפּצוגעבענגען געגען בעלוינונג לעגיאָנוב 53, צו מאָרגענשטערן, טעל. 35-15.

איך נעהם אָן אַרבייט אויף צו 8-ער מאַשינען. צו ערפאַהרען ביי פרענקל זשעראָמסקיעגאַ 23.

Zaginiony został kwit kaucyjny Elektrowni Łódzkiej na imię Izaaka Dawidowicza, Cegielniana 38.

ראַקאַלעז
צו פערדינגען 2 שטיבען מיט קיך, א גאַראַזש 6 x 16 ווי אויך גרויסע קעלערס מיט בעלייכטונג, וואַסער אַליין א הויף. צו ערפאַהרען שרומיעסקאַ 95.

צוליב אַפּרייזע איז פון זאָפאָרט איבערצוגעבען א מעביל-געוועלב, ביי דירה-געלד. צו ערפאַהרען אויפ'ן אָרט פּאָלנאַצנאַ 17, אין געוועלב.

ד"ר העללער
ספּעצ. פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער - שוואַכע
8 טראַוגוטאַ 8, טעל. 79-89.
נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—8 אָוונט
זונטאָג פון 10—2 מיטאָג.
פאַר פרויען - א ספּעציעלער וואַרטע-זאַל
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען

Dr.
Wajnberg
צוריקגעקעהרט
ספּעציאַליסט פאַר לונגען, האַרץ און סקלעראָז קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 145
טעל. 126-02.
נעמט אָן פון 9-10 פריה, 3-5, 8-9 אָוו.

Dr. med. Niewiażski
ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט - קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער - שוואַכע
אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
פראָנט, 1טער שטאָק
נעהמט אָן פון 8-11 און פון 5-9 אָוונט
זונטאָג און יום טוב פון 9-1 נאָכמיטאָג.
ספּעציעלער וואַרטע - זאַל פאַר פרויען

Dr. M. ELJASBERG
Chirurg
PIOTRKOWSKA 80, tel. 117-87
צוריקגעקעהרט

Dr. med.
Z. DATYNER
אוראָלאָג
ספּעצ. פאַר נירען בלאָז און אורין-קראַנק.
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95
נעמט אָן פון 9-11 און פון 6-8 אָוונט.

ווייכטיג פאַר
ברוך-קראַנקע

(רופּטורען) זאָווי פון פערקרימונגען פון רוקען-ביין (הויקערס). פּאַראַליזשען, ביין-שווינדזוכט, פלאַטפוס און פערשידענע אַנדערע פערקריפּלונגען-ליידענדע.
פאַר פערשידענע אַרט רופּטורען פערפעלקטע און די געפערליכסטע ביי מענער, פרויען און קינדער ספּעציעלע אָרטאָפּעדישע הייל-באַנדאַזשען לויט מיין מעטאָדע היילן און בעזייטיגען ראַדיקאַל יעדן איינציגן ברוך.

ביי מאַגען און קישקע - זענקונג ספּעציעלע אינדיווידועל צוגעפּאַסטע לייב-הויל-באַנדאַזשען.
פאַר הויקערס ספּעציעלע קאָרסעטען און גליכהאַלטערס.
געגען ביין-שווינדזוכט ספּעציעלע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען פון אַלע סיסטעמען.
געגען שמערצענדע פלאַטפיס ספּעציעלע אָרטאָפּעדישע איינלאַגען לויט גיפּס-מאָדעלען.
געגען קרומע אָדערן ספּעציעלע גומי-שטרימפּ לויט מאָס.
קינסטליכע הענד און פיס
ספּעציעלע הייל-אָרטאָפּעדישע אַנשטאַלט
ספּעצ. אָרטאָפּעד
א. פּעטריקעוויטש, לאָדז
9 פּיראַמאָוויטשאַ 9, טעל. 177-09 (פריהער אַלגיעסקאַ)
אַכטונג! קראַנקע מוזען זעלבסט ערשיינען.
פּויזענטער דאַנקזאַגונגען קענען בעוויזען ווערען

אַנאָנסען - פּרייז:
מאָרגן טעקסט — 18 גר. פרייטאָג און ערב יו"ט — 24 גר.
נאָכן טעקסט — 12 גר. פרייטאָג און ערב יו"ט — 18 גר.
פאַר א מילימעטער-שורה אין דער זייט 10 שפּאַלטען.
אין טעקסט — 40 ר. פרייטאָג און ערב יו"ט — 60 גר. פאַר א מילימעטער-שורה. אין דער זייט 4 שפּאַלטען.
נעקראָלאָגען: 20 גראָשען א מילימעטער שורה (אין דער זייט 10 שפּאַלטען). קליינע אַנאָנסען ביז 15 ווערטער 1 זל., יעדעס ווייטערדיגע וואָרט — 10 גראָשען. אויסער דער שטאָט 50 פּראָצ. טייערער. אויסלאַנד 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. א וואָרט.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז:
אין לאָדז — 4 זלאָטעס א חודש מיט אָפּטראָגען אַהיים. אויף דער פּראָווינץ — 5 זל. א חודש; אין אויסלאַנד — 7 זלאָטעס א חודש; אַמעריקאַ — 2 דאָלאַר א חודש.
פּעהלערן וועלכע ענדערען נישט פּרינציפּיעל דעם אינהאַלט פון דער אַנאָנס בערעכטיגען נישט צום איבערדרוקען די אַנאָנס אָדער צוריקצוצאָהלען פאַר דעם אַנאָנס.
פאַר'ן אינהאַלט און טערמין פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פעראַנטוואָרטליך. די אַדמיניסטראַציע איז אָפען בייטאָג און ביינאַכט אָהן איבעררייס.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub. Redaktor odpowiedzialny: Chanon Kaufman.
Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.